בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

ספר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

בְּרִיוֹן פּוּן חִיזוּק, אֱמוּנָה אוּן
פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת פַאר'ן לֶעבְּן,
גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ רֹאשׁ יְשִׁיבַת תִּפְאֶרֶת
הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

אִידִישׁ

## פַּרְשַׁת שְׁמוֹת

284

תשפ"ג

צו באקומען וועכענטליך די עצתו אמונה רופט: 718-387-2691

# היכל הקודש ברסלב

**181 Huschke Road,** Liberty NY 12747

היכל הקודש
**וויליאמסבורג**
**27 Skillman Street**
Brooklyn NY 11205
**718.384.1652**

היכל הקודש
**בארא פארק**
**4801 11th Ave,**
Brooklyn NY 11219
**347.760.5924**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Hayes Ct.**
Monroe NY 10950
**845.467.5299**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Premishlan Way.**
Monroe NY 10950
**845.243.0563**

היכל הקודש
**בלומינגראוו**
**24 Merriewold LN S**
Monroe NY 10950
**845.238.0804**

היכל הקודש
**מאנסי**
**32 Dolson Road**
Monsey NY 10952
**347.733.7551**

היכל הקודש
**ירושלים**
**רחוב רבי נחמן מברסלב 15**
**054.845.6150**

היכל הקודש
**בני ברק**
**רחוב הבעל שם טוב 7**
**052.760.5715**

נדפס ע"י

## קרן הדפסה היכל הקודש

2623 State Route 52
Liberty, NY 12754
**718.387.2691**
www.BreslevCenter.com

צו הערן די
הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א
רופט:

**קול ברסלב**
**212.444.9191**

**חיזוק פאר די אידישע שטוב**
**212.444.9169**

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

וִוי אַזוֹי רֶעד אִיךְ צוּ מַיין אִינְגְל וָואס זַיין חַבֵר אִיז נִפְטַר גֶעוָוארְן?.......................א

וִוי אַזוֹי הַאלְט אִיךְ זִיךְ, נִישְׁט צוּ וֶוערְן אַרָאפְּגֶעשְׁלֶעפְּט פוּן מַיינֶע חֲבֵרִים? ..................ב

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ אַז דוּ הָאסְט אַרוֹיסְגֶענוּמֶען דֶעם קָאמְפְּיוּטֶער פוּן שְׁטוּבּ ........................א

דֶער רֶבִּי הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ אַלֶע מַדְרֵיגוֹת, דוּרְךְ זָאגְן תְּהִלִּים.........................ב

זִיךְ שְׁטַארְקְן אוּן דֶערְהַאלְטְן, טְרָאץ אַלֶע בִּלְבּוּלִים ...........................................ג

אַ בְּרָכָה אוֹיף לִיכְטִיגֶע דוֹרוֹת, בִּזְכוּת וָואס אִיר הֶעלְפְּט דֶעם רֶבִּי'ן.......................יא

וִוי מֶער מֶען דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַלְץ שְׁטֶערְקֶער וֶוערְט דִי מֹחַ......................יא

נָאר מִיטְ'ן לֶערְנֶען הִלְכוֹת שַׁבָּת, קֶען מֶען הִיטְן שַׁבָּת .......................................יב

תְּהִלִּים בְּרֶענְגְט שָׁלוֹם בַּיִת, תְּהִלִּים בְּרֶענְגְט נַחַת ........................................יב

גֶעבֶּענְטְשְׁט זָאלְט אִיר זַיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַארְ'ן זִיךְ אָפְּשֶׁערְן דִי הָאר ..................יג

בֶּעטְס אַלֶע אֵייעֶרֶע בַּקָשׁוֹת בַּיים צִיּוּן פוּן מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ ..................יג

תְּהִלִּים יֶעדְן טָאג, וֶועט אָפְּהִיטְן פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס.........................................יד

אִיךְ דַארְף דַיין הִילְף צוּ קֶענֶען וַוייטֶער אָנְגֵיין מִיט דִי מוֹסְדוֹת.........................יד

אִיךְ מוּז וַוייטֶער אָנְהַאלְטְן דִי מוֹסָד, אִיךְ זוּךְ אַ פָּאנְדְרֶעיְזֶער ........................טו

אוֹיבּ קֶענְסְטוּ נִישְׁט זַיין אִין צַייט, קֶענְסְטוּ נִישְׁט זַיין אַ מְלַמֵד ........................טז

מַאךְ דִיר אַ חֶשְׁבּוֹן וָואס דוּ בַּאקוּמְסְט אִין הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ..........................יז

נֶעם זִיךְ גָארְנִישְׁט צוּם הַארְצְן, נֶעם דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין הַארְץ ........................יח

מַאךְ נִישְׁט קַיין אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע זַאכְן אוֹיפְ'ן רֶבִּינְ'ס נָאמֶען ........................יט

יֶעדֶע בְּרִיוּ אִין "אֲשֶׁר בַּנַּחַל" אִיז נַייעֶ שֵׂכֶל אוּן נַייעֶ חִיזוּק.........................כ

הֲפָצָה מִיט דִי קוּנְטְרֵסִים פוּן עֲצָתוֹ אֱמוּנָה מְתוּרְגָם ........................ כא

'שָׁלוֹם' מֵיינְט נִישְׁט אַז בֵּיידֶע הַאלְטְן אֵיינִיג ........................ כב

וָואס וֵוייסְטוּ וָואס דוּ קוּמְסְט אָפּ מִיט דִי יְסוּדִים? ........................ כג

דִי וֶועלְט אִיז דֶער גֵיהִנוֹם אַלֵיינְס ........................ כד

גֶעעֶפְנְט בֵּית הַמֶדְרָשׁ הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ אִין לָאנְדָאן ........................ כו

גֶעבּ יֶעדְן אֵיינֶעם מַזָל טוֹב, אוּן זַיי נִישְׁט אַרַיינְגֶעמִישְׁט אִין מַחֲלֹקֶת ........................ כז

גוּטֶע גְרוּסְן פוּן חַבוּרַת הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ אִין בְּנֵי בְּרַק ........................ כח

זִיךְ הַאלְטְן שְׁטַארְק, אִין דִי צַייט וָואס אַנְדֶערֶע פַאלְן ........................ ל

אִיךְ לָאז נִישְׁט בָּארְגְן גֶעלְט, אִיךְ הָאבּ שׁוֹין גֶענוּג חוֹבוֹת ........................ לא

זַיין שׁוּלְדִיג חוֹבוֹת אִיז עֶרְגֶער פוּן נִישְׁט צָאלְן צַייטְלִיךְ ........................ לא

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

## וִוי אַזוֹי רֶעד אִיךְ צוּ מַיין אִינְגְל וָואס זַיין חַבֵר אִיז נִפְטָר גֶעוָוארְן?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

נֶעכְטְן הָאב אִיךְ בַּאקוּמֶען אַ מוֹדָעָה פוּן דִי הַנְהָלָה פוּן דִי תַּלְמוּד תּוֹרָה וואוּ מַיין זוּן לֶערְנְט אִיבֶּער אַ שְׁרֶעקְלִיכֶע טְרַאגֶעדְיֶע וָואס הָאט פַּאסִירְט, אַ קִינְד פוּן מַיין קִינְדְ'ס קְלַאס אִיז לֵיידֶער פְּלוּצְלִינְג נִפְטָר גֶעוָוארְן רַחֲמָנָא לִיצְלָן.

מַיין זוּן אִיז אַכְט יָאר אַלְט, אוּן עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ נָאנְטֶער חַבֵר מִיט דֶעם נִפְטָר, לְהַבְדִיל בֵּין חַיִים לְחַיִים.

וָואס אוּן וִוי אַזוֹי אִיז דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג צוּ רֶעדְן צוּ מַיין אִינְגְל אִיבֶּער דֶעם, אוּן אִים עֶרְקְלֶערְן דִי מַעֲשֶׂה אוֹיף אַ וֶועג אַז עֶר זָאל נִישְׁט בְּלַייבְּן מִיט שְׁרֶעקֶעדִיגֶע קָאשְׁמַארְן פוּן דֶעם? אוּן וָואס קֶען עֶר טוּן אַ טוֹבָה פַאר דִי נְשָׁמָה פוּן דֶעם נִפְטָר?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת וַיְחִי, ח׳ טֵבֵת, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**גֶעבּ צוּ פַארְשְׁטֵיין דַיין קִינְד אַז זַיין חַבֵר אִיז אִין גַן עֵדֶן, עֶר לֶערְנְט יֶעצְט תּוֹרָה אוֹיבְן אִין הִימְל. אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן** (אוֹתִיּוֹת דְּרַבִּי עֲקִיבָא נוּסָח א, אוֹת א)**: ״בְּכָל יוֹם וְיוֹם יוֹשֵׁב מַטַ״ט בִּשְׁמֵי מָרוֹם, וְכוֹנֵס אֶת כָּל הַנְּשָׁמוֹת**

שֶׁל תִּינוֹקוֹת שֶׁל בֵּית רַבָּן שֶׁמֵּתוּ עַל חוּמְשֵׁי תּוֹרָה, וּמֵבִיא אוֹתָן תַּחַת כִּסֵּא הַכָּבוֹד וּמְלַמְּדָן תּוֹרָה", עַיֵּין שָׁם. דֶער מַלְאָךְ מַטַ"ט נֶעמְט צוּזַאם אַלֶע נְשָׁמוֹת פוּן קִינְדֶער וָואס זֶענֶען גֶעשְׁטָארְבְּן יוּנְג - אוּן לֶערְנְט מִיט זֵיי תּוֹרָה.

וֶוען דַיין קִינְד וֶועט דִיךְ פְרֶעגְן: "טַאטִי, וואוּ אִיז מַיין חַבֵר?" זָאלְסְטוּ אִים זָאגְן: "אִידִישֶׁע קִינְדֶער, וֶוען מֶען גֵייט אַוֶועק פוּן דִי וֶועלְט, אוֹיבּ מֶען אִיז גֶעוֶוען עֶרְלִיךְ - גֵייט מֶען אִין גַן עֵדֶן; דָארְט אִיז זֵייעֶר גוּט, זַיין נְשָׁמָה אִיז אִין הִימְל אוּן לֶערְנְט תּוֹרָה מִיט דִי מַלְאָכִים"; דָאס וֶועט אִים בַּארוּאִיגְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## וִוי אַזוֹי הַאלְט אִיךְ זִיךְ, נִישְׁט צוּ וֶוערְן אַרָאפְּגֶעשְׁלֶעפְּט פוּן מַיינֶע חֲבֵרִים?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ ווִיל זִיךְ זֵייעֶר בַּאדַאנְקֶען פַארְן רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אוֹיף דִי הֶערְלִיכֶע שִׁיעוּרִים, אוֹיף דִי גֶעוַואלְדִיגֶע חִיזוּק וָואס דָאס גֶעבְּט מִיר אִין לֶעבְּן, אוֹיף דִי חִיזוּק צוּ לֶערְנֶען אוֹיפְ'ן סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד; פוּן וֶוען אִיךְ בִּין אָנְגֶעקוּמֶען צוּ דִי שִׁיעוּרִים פְּרוּבִּיר אִיךְ יֶעדְן טָאג צוּ לֶערְנֶען ח"י פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, אַ בְּלַאט גְמָרָא, מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין, אוּן אִיךְ הָאבּ אַ שִׁיעוּר אִין דִי סְפָרִים אֲשֶׁר בַּנַחַל אוּן עֲצָתוֹ אֱמוּנָה.

אִיךְ דַארְף גָאר וִויכְטִיג אַן עֵצָה אִיבֶּער אַ שְׁוֶוערֶע פְּרָאבְּלֶעם. מַיין טַאטֶע הָאט מִיר בָּרוּךְ הַשֵׁם גֶעשִׁיקְט צוּ אַ תַּלְמוּד תּוֹרָה וואוּ עֶס אִיז דָא אַ גֶעפִּיל צוּ חֲסִידוּת, עֶר הָאט גֶעוָואלְט מִיר זָאלְן אוֹיפְוַואקְסְן מִיט אַ גֶעפִּיל צוּ חֲסִידִישְׁקֵייט, אָבֶּער לֵיידֶער מִיט דִי יָארְן הָאט זִיךְ דִי תַּלְמוּד תּוֹרָה זֵייעֶר שְׁטַארְק גֶעטוֹישְׁט. אִיךְ גֶעדֶענְק זַייעֶנְדִיג אִין דִי קְלֶענֶערֶע כִּיתּוֹת אִיז הַאלְבּ פוּן דִי קְלַאס גֶעוֶוען חֲסִידִישׁ, אָבֶּער מִיט דִי יָארְן אִיז עֶס גֶעוָוארְן מֶער אוּן מֶער מָאדֶערְן, אוּן אֲפִילוּ דִי חֲסִידִישֶׁע פַאמִילְיֶעס וָואס שִׁיקְן דָא זֶענֶען פוּן דִי מֶער מָאדֶערְנֶע סָארְט. אִין מַיין קְלַאס בִּין אִיךְ דֶער אֵיינְצִיגְסְטֶער בָּחוּר וָואס גֵייט אִין מִקְוֶה, וָואס פְּרוּבִּירְט זִיךְ שְׁטַארְקְן צוּ הִיטְן דִי אוֹיגְן אוּן זִיךְ פִירְן הֵיילִיג אוּן אֵיידְל. אִין דִי קְלַאס

אִיז אֶפְשָׁר דָא נָאר פִיר קִינְדֶער וָואס הִיטְן זִיךְ בִּקְדוּשָּׁה, דִי גַאנְצֶע קְלַאס קוּקְט מְאוּוִיס, נִישְׁט צְנִיעוּת'דִיגֶע זַאכְן, אוּן בִּכְלַל אִיז דִי שְׁמוּעֶס אִין קְלַאס זֵייעֶר נִישְׁט אֵיידֶל, מֶען רֶעדְט כְּסֵדֶר פוּן נִישְׁט עֶרְלִיכֶע זַאכְן, בַּיי הַפְסָקָה קֶענֶען זֵיי אָנְצִינְדְן אוּמְאֵיידֶעלֶע רַאדִיָא, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער רַחֲמָנָא לִיצְלָן.

אִיךְ שְׁפִּיר וִוי אִיךְ וֶוער זֵייעֶר אַרָאפְּגֶעשְׁלֶעפְּט פוּן דֶעם, עֶס צִיעֶט מִיר צוּרִיק צוּ שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן, אוּן אִיךְ קֶען זִיךְ נִישְׁט קַיין עֵצָה גֶעבְן. אִיךְ בֶּעט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א זָאל מִיר נִישְׁט שְׁרַייבְּן אִיךְ זָאל אַוֶועקְגֵיין פוּן דָא, וַוייל דָאס אִיז נִישְׁט מֶעגְלִיךְ, עֶס אִיז נִישְׁט אִין מַיינֶע הֶענְט, אִיךְ דַארְף הָאבְּן אַן אַנְדֶערֶע עֵצָה וִוי אַזוֹי דָא וַוייטֶער אָנְצוּגֵיין, אוּן בְּלַייבְּן הֵיילִיג, וואוֹיל אוּן עֶרְלִיךְ.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת וַיְחִי, י"ג טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ג לפ"ק

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

ווִיסְן זָאלְסְטוּ, יֶעדֶע זַאךְ אִיז בְּהַשְׁגָּחָה פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; וואוּ אַ מֶענְטְשׁ וואוֹינְט אוּן וֶוער דִי שְׁכֵנִים זֶענֶען - אַלֶעס אִיז מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע הַשְׁגָּחָה. אַזוֹי אוֹיךְ וואוּ מֶען לֶערְנְט, אוּן דִי חֲבֵרִים - אַלֶעס אִיז בְּהַשְׁגָּחָה פוּן הִימְל.

אַז דוּ בִּיסְט אָנְגֶעקוּמֶען אִין דִי תַּלְמוּד תּוֹרָה מִיט דִי סָארְט קִינְדֶער - זָאלְסְטוּ דָאס נִישְׁט נֶעמֶען פַאר גְרִינְג, דָאס אִיז בְּהַשְׁגָּחָה אַז דוּ זָאלְסְט זֵיי אַלֶע מְקָרֵב זַיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. זוּךְ אוֹיף צְווִישְׁן דִי קִינְדֶער דִי וָואס הָאבְּן תְּמִימוּת אוּן מִיט זֵיי זָאלְסְטוּ אָנְהוֹיבְּן. אֲפִילוּ דִי קִינְדֶער זֶענֶען נָאךְ גָאר וַוייט, זֵיי וֵוייסְן נָאךְ גָארְנִישְׁט פוּן קְדוּשָּׁה - זָאלְסְטוּ נִישְׁט מֵיינֶען אַז זֵיי ווִילְן נִישְׁט זַיין גוּט, זֵיי אַלֶע הָאבְּן אַ הֵיילִיגֶע נְשָׁמָה, זֵיי אַלֶע וָואלְטְן גֶעוָואלְט זַיין גוּט אוּן הֵיילִיג. מִיט זֵיי זָאלְסְטוּ אָנְהוֹיבְּן רֶעדְן; וַוייז זֵיי דִי סְפָרִים אוּן קוּנְטְרֵסִים פוּן מוֹהֲרָא"ש, מַאךְ מִיט זֵיי שִׁיעוּרִים בַּיי הַפְסָקָה; רֶעד צוּ זֵיי פוּן אֱמוּנָה, פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, פוּן קְדוּשָּׁה; מַאךְ זֵיי אַלֶע פַאר גְרוֹיסֶע צַדִּיקִים.

אַז דוּ וֶועסְט רֶעדְן צוּ דִי קִינְדֶער פוּן יִרְאַת שָׁמַיִם - וֶועסְטוּ וֶוערְן אַסַאךְ

שְׁטֶערְקֶער אִין יִרְאַת שָׁמַיִם, און אַז דו וֶועסְט נִישְׁט רֶעדְן וֶועט דִיר דָאס אוֹיךְ שָׁאטְן. וַוייל אַ מֶענְטְשׁ אִיז אַ הוֹלֵךְ; אַ מֶענְטְשׁ בְּלַייבְּט נִישְׁט שְׁטֵיין אִין דִי זֶעלְבֶּע פְּלַאץ, אָדֶער גֵייט מֶען אַרוֹיף, מֶען וֶוערְט יֶעדֶע רֶגַע נֶענְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָדֶער גֵייט מֶען חַס וְשָׁלוֹם אַרָאפּ. אַזוֹי אִיז מִיט יֶעדְן אֵיינֶעם; אָדֶער אִיז מֶען אַ גֶעבֶּער פַאר דִי שְׁכֵנִים און חֲבֵרִים, יֶענֶער לֶערְנְט זִיךְ, אָדֶער וֶוערְט מֶען נִשְׁפָּע פוּן יֶענֶעם.

צַדִּיקִים זָאגְן פְּשַׁט אוֹיף דֶעם וָואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (סוּכָּה נו:): "אוֹי לָרָשָׁע אוֹי לִשְׁכֵנוֹ", וַויי פַארְן רָשָׁע און וַויי פַארְן שָׁכֵן פוּנֶעם רָשָׁע, וְוידֶערְאוּם זָאגְן זֵיי (שָׁם): "טוֹב לַצַּדִּיק, טוֹב לִשְׁכֵנוֹ", עֶס אִיז גוּט פַארְן צַדִּיק און עֶס אִיז גוּט פַארְן שָׁכֵן פוּנֶעם צַדִּיק; אִיז דָאס לִכְאוֹרָה אַ סְתִּירָה, וַוייל אוֹיב דֶער רָשָׁע אִיז אַ שָׁכֵן פַארְן צַדִּיק, זָאגְסְטוּ דָאךְ עֶס אִיז גוּט פַארְן צַדִּיק און פַארְן שָׁכֵן, און נָאכְדֶעם זָאגְסְטוּ וַויי פַארְן רָשָׁע און וַויי פַארְן צַדִּיק, וְוי קֶען גֵיין דִי בֵּיידֶע זַאכְן אִינְאֵיינֶעם? נָאר וָואס דֶען, וֶוען צְוַויי מֶענְטְשְׁן וואוֹינֶען אֵיינֶער נֶעבְּן צְוֵוייטְן אִיז אַלְץ דָא אֵיינֶער וָואס אִיז מַשְׁפִּיעַ אוֹיפְן צְוֵוייטְן. דָאס זָאגְן אוּנְז דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים, אוֹיב אִיז דֶער צַדִּיק מַשְׁפִּיעַ פַארְן שָׁכֵן - דֶעמָאלְט אִיז: "טוֹב לַצַּדִּיק, טוֹב לִשְׁכֵנוֹ", אוֹיב אָבֶער דֶער רָשָׁע אִיז דֶער וָואס בַּאאֵיינְפְלוּסְט דֶעם שָׁכֵן - דַאן אִיז: "אוֹי לָרָשָׁע אוֹי לִשְׁכֵנוֹ".

שְׁטַארְק זִיךְ מִיט דַיינֶע שִׁיעוּרִים, און שְׁטַארְק זִיךְ מִיט הִתְבּוֹדְדוּת וּתְפִלָּה, וֶועסְטוּ קֵיינְמָאל נִישְׁט פַאלְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

**אִיךְ פְרֵיי זִיךְ אַז דוּ הָאסְט אַרוֹיסְגֶענוּמֶען דֶעם קָאמְפְּיוּטֶער פוּן שְׁטוּב**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת מִקֵץ, כ"ה כִּסְלֵיו, א' דְחַנוּכָּה, שְׁנַת תשפ"ג**
**לִפְרָט קָטָן**
**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, יַבְנְאֵל**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר אַז דוּ הָאסְט אַרוֹיסְגֶענוּמֶען דֶעם קָאמְפְּיוּטֶער פוּן דַיין שְׁטוּבּ, עֶס אִיז נִישְׁט גוּט צוּ וַוייזְן פַאר קִינְדֶער קַיין שוּם קְלִיפְּס, אֲפִילוּ אִידִישֶׁע זַאכְן.

וֶוען מִיר הָאבְּן גֶעעֶפְנְט דִי חֵדֶר אִין אַמֶערִיקֶע - הָאבְּן מִיר נִישְׁט גֶעהַאט קַיין פְּלַאץ וואוּ צוּ זַיין, מִיר הָאבְּן גֶעוַואנְדֶערְט פוּן אֵיין פְּלַאץ צוּם צְוֵייטְן פְּלַאץ. עַל הַטוֹב יִזָּכֵר הָרַב רֶבִּי יִצְחָק לֶעזֶער שְׁלִיטָ"א וָואס הָאט אוּנְז דֶעמָאלְט אַוֶועק גֶעגֶעבְן אַ דִירָה, זַיין בֶּעיסְמֶענְט - מִיר זָאלְן דָאס נוּצְן פַאר דִי חֵדֶר.

דָארְט אִיז גֶעוֶוען נָאר פְּלַאץ צוּ לֶערְנֶען, דִי קִינְדֶער הָאבְּן נִישְׁט גֶעהַאט קַיין פְּלַאץ צוּ שְׁפִּילְן, בַּיי הַפְסָקָה הָאבְּן מִיר אַרוֹיסְגֶענוּמֶען דִי קִינְדֶער אִין פַּארְק צוּ שְׁפִּילְן, אוּן וֶוען עֶס הָאט גֶערֶעגְנְט אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען וָואס צוּ טוּן, עֶס אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר צֶעקְוֶועטְשְׁט. אֵיין טָאג אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר שְׁוֶוער מִיט דִי קִינְדֶער, הָאט אֵיינֶער פוּן דִי אַיינְגֶעשְׁטֶעלְטֶע גֶעטְרַאכְט אַז עֶר וֶועט וַוייזְן פַאר דִי קִינְדֶער אוֹיפְן קָאמְפְּיוּטֶער עֶפֶּעס אִידִישֶׁע קְלִיפְּס וְכוּ', אוּן מוֹהֲרָא"ש

הָאט מִיךְ גֶערוּפְן אוּן גֶעזָאגְט זֵייעֶר שַׁארְף, אוֹיבּ מֶען וֶועט נָאכְאַמָאל וַוייזְן פַּאר דִי קִינְדֶער קְלִיפְּס - זָאל מֶען אַרָאפְּנֶעמֶען זַיין נָאמֶען פוּן דִי מוֹסָד.

מוֹהֲרָא״ש הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן צוּ פַארְשְׁטֵיין דִי חוֹמֶר הַדְּבָרִים פוּן וַוייזְן פַאר קִינְדֶער קְלִיפְּס אוּן וִוידִיאוֹס, אֲפִילוּ אִידִישֶׁע זַאכְן; פוּן חֲתוּנוֹת, זִינְגֶערְס וְכַדוֹמֶה.

ווּאוֹיל אִיז דֶעם וָואס גֵייט בִּתְמִימוּת, עֶר אִיז נִישְׁט קַיין אוֹיבֶּער חָכָם, עֶר פָּאלְגְט, עֶר בְּרֶענְגְט נִישְׁט אַרַיין אִין שְׁטוּב דִי זַאכְן.

אַ פְרֵיילִיכְן לִיכְטִיגְן חֲנוּכָּה.

...

### דֶער רֶבִּי הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ אַלֶע מַדְרֵיגוֹת, דוּרְךְ זָאגְן תְּהִלִּים

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת מִקֵץ, כ״ה כִּסְלֵיו, א׳ דְחַנוּכָּה, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ׳, יְרוּשָׁלַיִם

זֶעט צוּ זָאגְן תְּהִלִּים, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׁבְחֵי הָרַ״ן, סִימָן י), עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ אַלֶע מַדְרֵיגוֹת - דוּרְךְ זָאגְן תְּהִלִּים אוּן רֶעדְן אַסַאךְ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

וֶוען אִיר זָאגְט תְּהִלִּים זָאלְט אִיר אַרַיינְפְלֶעכְטְן אַייעֶרֶע אֵייגֶענֶע תְּפִילוֹת; סֵיי לוֹיבּ אוּן דַאנְק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן סֵיי בֶּעטְן אוֹיף וַוייטֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט אוֹיפְשְׁטֶעלְן שֵׁיינֶע לִיכְטִיגֶע דוֹרוֹת, קִינְדֶער צַדִיקִים, בִּזְכוּת אַייעֶר כִּיבּוּד אָב וָאֵם. אוּן אִיר זָאלְט מַצְלִיחַ זַיין מִיט אַייעֶרֶע תַּלְמִידוֹת, בִּיז מִיר וֶועלְן זוֹכֶה זַיין אַנְטְקֶעגְן גֵיין מָשִׁיחַ צִדְקֵינוּ, מִיר וֶועלְן זִיךְ נִישְׁט שֶׁעמֶען אִים אַנְטְקֶעגְן צוּ גֵיין מִיט אוּנְזֶערֶע דוֹרוֹת, תַּלְמִידוֹת בֵּית פֵיגָא; אֵיידֶעלֶע, עֶרְלִיכֶע אִידִישֶׁע טֶעכְטֶער; אָמֵן.

...

**זִיךְ שְׁטַארְקְן אוּן דֶערְהַאלְטְן, טְרָאץ אַלֶע בִּלְבּוּלִים**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת מִקֵּץ, כ״ט כִּסְלֵיו, ה׳ דַחֲנוּכָּה, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער לִיבֶּער הַארְצִיגֶער זִיסֶער בְּרוּדֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

וָואס מֵיינְסְטוּ, נָאר דוּ גֵייסְט אַרִיבֶּער בִּלְבּוּלִים? נָאר בַּיי דִיר דְרֵיידְט זִיךְ דִי קָאפּ? אַלֶע צַדִיקִים פוּן אַלֶע דוֹרוֹת זֶענֶען אַרִיבֶּער דִי זַאכְן, אוּן נָאר וַוייל זֵיי הָאבְּן זִיךְ גֶעשְׁטַארְקְט מִיט אַלֶע כֹּחוֹת נִישְׁט צוּ וֶוערְן צֶעפַּאלְן פוּן דִי בִּלְבּוּלִים - זֶענֶען זֵיי גֶעוָוארְן צַדִיקִים.

אִיךְ וִויל מִיט דִיר לֶערְנֶען אַ שְׁטִיקְל לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן, דִי צְוֵוייטֶע חֵלֶק סִימָן מח. אִיךְ פְלֶעג זֵייעֶר אַסַאךְ לֶערְנֶען דִי תּוֹרָה אִין מַיינֶע יוּנְגֶע יָארְן, אִיךְ הָאבּ גֶעשְׁפִּירְט אַזוֹי גוּט נָאכְן לֶערְנֶען דִי תּוֹרָה, אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען אַז עֶס אִיז דָא אַ רֶבִּי וָואס פַארְשְׁטֵייט מִיךְ, עֶר זֶעט וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף מִיר.

**כְּשֶׁאָדָם נִכְנָס בַּעֲבוֹדַת הַשֵּׁם, אֲזַי הַדֶּרֶךְ שֶׁמַּרְאִין לוֹ הִתְרַחֲקוּת** וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הוֹיבְּט אָן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דַארְף עֶר זַיין גְרֵייט אַז מֶען גֵייט אִים וַוייזְן וִוי מֶען דַארְף אִים נִישְׁט, **וְנִדְמֶה לוֹ שֶׁמַּרְחִיקִין אוֹתוֹ מִלְמַעְלָה, וְאֵין מַנִּיחִין אוֹתוֹ כְּלַל לִכָּנֵס לַעֲבוֹדַת הַשֵּׁם** עֶס וֶועט זִיךְ אִים דַאכְטְן וִוי פוּן הִימְל שְׁטוּפְּט מֶען אִים אַוֶועק אוּן מֶען לָאזְט אִים נִישְׁט וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, **וּבֶאֱמֶת כָּל הַהִתְרַחֲקוּת הוּא רַק כֻּלּוֹ הִתְקָרְבוּת** אָבֶּער וִויסְן זָאלְסְטוּ, דָאס וָואס מֶען שְׁפִּירְט וִוי מֶען וֶוערְט דֶערְוַוייטֶערְט - אִיז נָאר צוּ בְּרֶענְגֶען דֶעם מֶענְטְשׁ נֶענְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

**וְצָרִיךְ הִתְחַזְּקוּת גָּדוֹל מְאֹד מְאֹד לְבִלְתִּי לִפֹּל בְּדַעְתּוֹ, חַס וְשָׁלוֹם** אוּן מֶען דַארְף זַיין זֵייעֶר שְׁטַארְק נִישְׁט צוּ בַּאקוּמֶען חֲלִישׁוּת הַדַעַת, **כְּשֶׁרוֹאֶה שֶׁעוֹבְרִים כַּמָּה וְכַמָּה יָמִים וְשָׁנִים שֶׁהוּא מִתְיַגֵּעַ בִּיגִיעוֹת גְּדוֹלוֹת בִּשְׁבִיל עֲבוֹדוֹת הַשֵּׁם**, פוּן וָואס מֶען זֶעט וִוי עֶס גֵייעֶן אַרִיבֶּער אַזוֹיפִיל טֶעג אוּן יָארְן וָואס מֶען מוּטְשֶׁעט זִיךְ מִיט שְׁוֶוערֶע עֲבוֹדוֹת, **וַעֲדַיִן הוּא רָחוֹק מְאֹד** אוּן מֶען אִיז נָאכְאַלְץ זֵייעֶר וַוייט, **וְלֹא הִתְחִיל כְּלַל לִכְנֹס לְשַׁעֲרֵי הַקְּדֻשָּׁה** מֶען הָאט נָאךְ בִּכְלַל נִישְׁט אָנְגֶעהוֹיבְּן אַרַיינְקוּמֶען צוּ דִי קְדוּשָׁה. **כִּי רוֹאֶה עַצְמוֹ שֶׁהוּא**

מָלֵא עֲדַיִן עֲבִיּוּת וְגַשְׁמִיּוּת וְהִרְהוּרִים וּבִלְבּוּלִים גְּדוֹלִים מֶען אִיז נָאךְ אַ פַּארְגְרֶעבְּטֶער מֶענְטְשׁ פוּל מִיט שְׁלֶעכְטֶע גֶעדַאנְקֶען אוּן אַזוֹיפִיל בִּלְבּוּלִים, וְכָל מַה שֶׁהוּא רוֹצֶה לַעֲשׂוֹת בַּעֲבוֹדַת הַשֵּׁם אֵיזֶה דָּבָר שֶׁבִּקְדֻשָּׁה אֵין מַנִּיחִין אוֹתוֹ אוּן וָואס אִיךְ ווִיל נָאר טוּן פַאר עֲבוֹדוֹת הַשֵּׁם גֵייט מִיר נִישְׁט, וְנִדְמֶה לוֹ כְּאִלּוּ אֵין הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ מִסְתַּכֵּל עָלָיו כְּלַל דָאס מַאכְט טְרַאכְטְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער קוּקְט נִישְׁט אוֹיף מִיר, וְאֵין רוֹצֶה כְּלַל בַּעֲבוֹדָתוֹ אוּן עֶר ווִיל נִישְׁט מַיינֶע עֲבוֹדוֹת, מֵחֲמַת שֶׁהוּא רוֹאֶה שֶׁהוּא צוֹעֵק בְּכָל פַּעַם וַוייל אִיךְ שְׁרֵיי, וּמִתְחַנֵּן וּמִתְנַפֵּל לְפָנָיו יִתְבָּרַךְ אוּן אִיךְ בֶּעט זִיךְ בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, שֶׁיַּעַזְרֵהוּ בַּעֲבוֹדָתוֹ, עֶר זָאל מִיךְ הֶעלְפְן, וְאַף עַל פִּי כֵן עֲדַיִן הוּא רָחוֹק מְאֹד מְאֹד אוּן נָאכְאַלְץ בִּין אִיךְ אַזוֹי וַוייט, עַל כֵּן נִדְמֶה לוֹ כְּאִלּוּ אֵין הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ מִסְתַּכֵּל עָלָיו כְּלַל דָאס מַאכְט טְרַאכְטְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער קוּקְט נִישְׁט אוֹיף מִיר, וְאֵין פּוֹנֶה אֵלָיו כְּלַל אוּן עֶר הֶערְט נִישְׁט צוּ מַיין גֶעבֶּעט, כִּי הוּא יִתְבָּרַךְ אֵין רוֹצֶה בּוֹ כְּלַל עֶר ווִיל מִיךְ בִּכְלַל נִישְׁט, הֵן עַל כָּל אֵלֶּה אוֹיף דִי אַלֶע זַאכְן, וְכַיּוֹצֵא בָּזֶה אוּן אוֹיךְ אַנְדֶערֶע סָארְט זַאכְן, צָרִיךְ הִתְחַזְּקוּת גָּדוֹל לְחַזֵּק עַצְמוֹ מְאֹד מְאֹד דַארְף מֶען זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְקְן, וְלִבְלִי לְהִסְתַּכֵּל עַל כָּל זֶה כְּלַל נִישְׁט צוּ קוּקְן אוֹיף דֶעם, כִּי בֶּאֱמֶת כָּל הַהִתְרַחֲקוּת הוּא רַק כֻּלּוֹ הִתְקָרְבוּת וַוייל דָאס וָואס מֶען שְׁפִּירְט זִיךְ וַוייט - אִיז נָאר צוּ בְּרֶענְגֶען דֶעם מֶענְטְשׁ נֶענְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, כַּנַּ"ל אַזוֹי ווִי אוֹיבְן אוֹיסְגֶעשְׁמוּעֶסְט.

וְכָל הַנַּ"ל אוּן אַלֶעס וָואס מִיר הָאבְּן פְרִיעֶר דֶערְמַאנְט, עָבַר עַל כָּל הַצַּדִּיקִים אִיז אַרִיבֶּער אוֹיף אַלֶע צַדִּיקִים, כַּאֲשֶׁר שָׁמַעְנוּ מִפִּיהֶם בְּפֵרוּשׁ אַזוֹי ווִי מִיר הָאבְּן גֶעהֶערְט פוּן זֵיי אַלֵיינְס, שֶׁנִּדְמֶה לָהֶם אַז עֶס הָאט זִיךְ זֵיי גֶעדַאכְט, שֶׁהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ אֵין מִסְתַּכֵּל וּפוֹנֶה אֲלֵיהֶם כְּלַל אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער קוּקְט נִישְׁט אוֹיף זֵיי אוּן דַארְף זֵיי נִישְׁט, מֵחֲמַת שֶׁרָאוּ וֶוען זֵיי הָאבְּן גֶעזֶען, שֶׁזֶּה זְמַן רַב אַז נָאךְ אַזַא לַאנְגֶע צַייט, שֶׁהֵם מְבַקְשִׁים וָואס זֵיי בֶּעטְן, וִיגֵעִים אוּן פְּלָאגְן זִיךְ, וְעוֹשִׂים וְעוֹבְדִים עֲבוֹדַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ אוּן טוּעֶן עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, וַעֲדַיִן הֵם רְחוֹקִים מְאֹד מְאֹד זֶענֶען זֵיי נָאכְאַלְץ זֵייעֶר וַוייט, וְאִלּוּ לֹא הָיוּ מַחֲזִיקִים עַצְמָן מְאֹד אוּן וֶוען זֵיי וָואלְטְן זִיךְ נִישְׁט גֶעשְׁטַארְקְט, לִבְלִי לְהִסְתַּכֵּל עַל זֶה נִישְׁט צוּ קוּקְן אוֹיף דִי אַלֶע זַאכְן, הָיוּ נִשְׁאָרִים בִּמְקוֹמָם הָרִאשׁוֹן

וָואלְטְן זֵיי גֶעבְּלִיבְּן וִוי בַּיים אָנְהוֹיבּ, וְלֹא הָיוּ זוֹכִים לְמַה שֶׁזָּכוּ און זֵיי וָואלְטְן נִישְׁט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ וֶוערְן צַדִּיקִים.

**וְהַכְּלָל, אֲהוּבִי אָחִי** מַיין לִיבֶּער בְּרוּדֶער, **חֲזַק וֶאֱמַץ מְאֹד** שְׁטַארְק זִיךְ, **וֶאֱחֹז עַצְמְךָ בְּכָל הַכֹּחוֹת** און דֶערְהַאלְט זִיךְ מִיט אַלֶע כֹּחוֹת, **לְשָׁאֵר קַיָּם בַּעֲבוֹדָתֶךָ** צוּ בְּלַייבְּן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, **וְאַל תָּחוּשׁ** און עֶס זָאל דִיךְ נִישְׁט אָנְגֵיין, **וְאַל תִּסְתַּכֵּל כְּלַל** און קוּק נִישְׁט, **עַל כָּל הַנַּ"ל** אוֹיף דָאס אַלֶעס, **אוֹ כַּיּוֹצֵא בָּזֶה** און אוֹיף אַנְדֶערֶע זַאכְן. **וְאִם אַתָּה רָחוֹק מְאֹד מְאֹד מִמֶּנּוּ יִתְבָּרַךְ** און אוֹיבּ דוּ בִּיסְט טַאקֶע אַזוֹי שְׁטַארְק וַוייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, **וְנִדְמֶה לְךָ** און עֶס דַאכְט זִיךְ דִיר, **שֶׁאַתָּה פּוֹגֵם** אַז דוּ טוּסְט שְׁלֶעכְטֶס, **בְּכָל שָׁעָה מַמָּשׁ נֶגְדּוֹ יִתְבָּרַךְ** מַמָּשׁ יֶעדֶע מִינוּט, קֶעגְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, **עִם כָּל זֶה, כְּנֶגֶד זֶה** מִיט דֶעם אַלֶעם, **תֵּדַע, שֶׁאִישׁ כָּזֶה** זָאלְסְטוּ ווִיסְן אַז אַזַא אֵיינֶער, **שֶׁהוּא מְגֻשָּׁם כָּל כַּךְ** וָואס אִיז אַזוֹי פַארְגְרֶעבְּט; **כָּל תְּנוּעָה וּתְנוּעָה** יֶעדֶע זַאךְ, **שֶׁהוּא מְנַתֵּק עַצְמוֹ מְעַט מְעַט מִן גַּשְׁמִיּוּתוֹ** וָואס דוּ טוּסְט, **וּפוֹנֶה לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ** און דוּ קוּמְסְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן - **הִיא גְּדוֹלָה וִיקָרָה מְאֹד מְאֹד** אִיז זֵייעֶר גְרוֹיס און זֵייעֶר טֵייעֶר. **וַאֲפִלּוּ נְקֻדָּה קְטַנָּה מְאֹד** אֲפִילוּ אַ פִּינְטֶעלֶע, **שֶׁהוּא נֶעְתָּק מִגַּשְׁמִיּוּתוֹ** וָואס דוּ רַייסְט זִיךְ אָפּ פוּן דַיין פַארְגְרֶעבְּטְקֵייט, **אֵלָיו יִתְבָּרַךְ** צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, **הוּא רָץ בָּזֶה** לוֹיפְסְטוּ מִיט דֶעם, **כַּמָּה וְכַמָּה אֲלָפִים** טוֹיזְנְטֶער, **פַּרְסָאוֹת** מַייל, **בְּעוֹלָמוֹת עֶלְיוֹנִים** אִין דִי הֶעכֶערֶע וֶועלְטְן, **כַּאֲשֶׁר תָּבִין הֵיטֵב** אַזוֹי ווִי, **מִן הַמַּעֲשֶׂה** דִי מַעֲשֶׂה, **שֶׁל הַצַּדִּיק** פוּנֶעם צַדִּיק, **שֶׁהִתְגַּבֵּר עָלָיו מְאֹד הָעַצְבוּת** וָואס אִיז גֶעוָוארְן זֵייעֶר טְרוֹיעֶרִיג, **וְכוּ'** און אַזוֹי וַוייטֶער, **כַּמּוּבָא אֶצְלֵנוּ** אַזוֹי ווִי עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט [**בְּשִׂיחוֹת שֶׁבְּסוֹף סֵפֶר סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת**], צְווִישְׁן דִי שְׁמוּעֶסְן אִינֶעם סֵפֶר סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, **"וּמַעֲשֶׂה הָיָה בְּצַדִּיק אֶחָד"** דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט אַ מַעֲשֶׂה מִיט אַ צַדִּיק.

["מַעֲשֶׂה הָיָה בְּצַדִּיק אֶחָד", עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ מַעֲשֶׂה מִיט אַ צַדִּיק, "שֶׁנָּפַל עָלָיו עַצְבוּת", וָואס אִיז אַרַיינְגֶעפַאלְן אִין אַ דֶעפְּרֶעסְיֶע, "וְהָעַצְבוּת כְּשֶׁמִּתְגַּבֶּרֶת עַל הַצַּדִּיק", און וֶוען עֶס פַאלְט אַרוֹיף אַ דֶעפְּרֶעסְיֶע אוֹיף אַ צַדִּיק, "הִיא קָשָׁה מְאֹד עָלָיו", אִיז דָאס זֵייעֶר שְׁוֶוער, "כִּי עָלָיו מִתְחַזֶּקֶת בְּיוֹתֵר", וַוייל אוֹיף אַ צַדִּיק אִיז זִיךְ דָאס מִתְגַּבֵּר מֶער ווִי אוֹיף סְתַּם אַ מֶענְטְשׁ,

בִּיז דֶער צַדִיק הָאט זִיךְ מַמָשׁ נִישְׁט גֶעקֶענְט רִירְן פוּן פְּלַאץ, "וְרָצָה לְשַׂמֵּחַ עַצְמוֹ", דֶער צַדִיק הָאט זֵייעֶר גֶעוָואלְט זִיךְ פְרֵיילִיךְ מַאכְן, "וּלְהָרִים עַצְמוֹ", עֶר הָאט זִיךְ גֶעוָואלְט אוֹיפְהֵייבְּן, "וְלֹא הָיָה אֶפְשָׁר לוֹ בְּשׁוּם דָבָר", אָבֶער עֶר הָאט נִישְׁט גֶעטְרָאפְן קֵיין שׁוּם זַאךְ מִיט וָואס צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, "כִּי בְּכָל דָבָר שֶׁרָצָה לְשַׂמֵּחַ עַצְמוֹ", וַוייל יֶעדֶע זַאךְ מִיט וָואס עֶר הָאט זִיךְ גֶעוָואלְט פְרֵיילִיךְ מַאכְן, "מָצָא לוֹ הַבַּעַל דָבָר בְּתוֹכוֹ עַצְבוּת", הָאט דֶער בַּעַל דָבָר גֶעטְרָאפְן עֶפֶּעס מִיט וָואס אִים צוּ מַאכְן טְרוֹיעֶרִיג.

"וְהִתְחִיל לְשַׂמֵּחַ עַצְמוֹ בְּשִׂמְחַת 'שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גוֹי'", בִּיז דֶער צַדִיק הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן פְרֵייעֶן בְּשִׂמְחַת 'שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גוֹי', עֶר הָאט זִיךְ גֶעפְרֵיידְט מִיט דֶעם אַז עֶר אִיז נִישְׁט קֵיין גוֹי; דָאס אִיז דָאךְ אַ גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה, וַוייל אֲפִילוּ ווי נִידְרִיג, ווי גֶעפַאלְן אַ אִיד זָאל נָאר זַיין, אִיז עֶר נָאכְאַלְץ נִישְׁט קֵיין גוֹי! אֲפִילוּ דֶער גֶעפַאלֶענֶער אִיד, הַפָּחוּת שֶׁבַּפְּחוּתִים, דֶער קְלֶענְסְטֶער פוּן די קְלֶענְסְטֶע - אִיז נָאכְאַלְץ טוֹיזְנְטֶער מָאל מֶער אוּן הֵיילִיגֶער פוּן אַ גוֹי.

דָאס אִיז אַ זַאךְ וָואס מַאכְט פְרֵיילִיךְ, אַנְדֶערֶע זַאכְן קֶען דֶער יֵצֶר הָרָע צֶעבְּרֶעכְן; דֶער יֵצֶר הָרָע קֶען טְרֶעפְן אִין יֶעדֶע זַאךְ חֶסְרוֹנוֹת, אָבֶער מִיט די שִׂמְחָה פוּן 'שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גוֹי' - דָאס קוּמְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, 'דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט רַחְמָנוּת גֶעהַאט אוֹיף מִיר אוּן מִיר נִישְׁט גֶעמַאכְט פַאר אַ גוֹי'; בַּיי דֶעם קֶען דֶער יֵצֶר הָרָע נִישְׁט צֶעבְּרֶעכְן.

דֶער רֶבִּי פִירְט אוֹיס די מַעֲשֶׂה אַז דֶער צַדִיק הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן מְחַיֶּ' זַיין מִיט דֶעם, עֶר אִיז גֶעוָוארְן מֶער אוּן מֶער פְרֵיילִיךְ, בִּיז עֶר אִיז צוּגֶעקוּמֶען צוּ די שִׂמְחָה וָואס מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט גֶעהַאט בְּשָׁעַת עֶר אִיז אַרוֹיף אִין הִימְל מְקַבֵּל זַיין די לוּחוֹת, עַיֵּין שָׁם די גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה בַּאֲרִיכוּת].

**וְעַל זֶה יִשְׂמַח מְאֹד** אוּן מִיט דֶעם זָאל מֶען זִיךְ פְרֵייעֶן, **וִיחַזֵּק עַצְמוֹ בְּשִׂמְחָה תָּמִיד** אוּן זִיךְ שְׁטַארְקְן צוּ זַיין שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ, **כִּי עַצְבוּת מַזִּיק מְאֹד** וַוייל זַיין טְרוֹיעֶרִיג שֶׁעדִיגְט זֵייעֶר, וְדַע אוּן וויסְן זָאלְסְטוּ, **שֶׁתֵּכֶף כְּשֶׁאָדָם רוֹצֶה לִכָּנֵס בַּעֲבוֹדָתוֹ יִתְבָּרַךְ** וֶוען מֶען הוֹיבְּט אָן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, **אֲזַי תֵּכֶף הִיא עֲבֵרָה גְּדוֹלָה כְּשֶׁיֵּשׁ לוֹ עַצְבוּת**, חַס וְשָׁלוֹם אִיז אַ גְרוֹיסֶע עֲבֵירָה צוּ זַיין טְרוֹיעֶרִיג, **כִּי עַצְבוּת הִיא סִטְרָא אָחֳרָא** (זֹהַר נֹחַ דַּף עא)

וַוייל טְרוֹיעֶר קוּמְט פוּן דִי סִטְרָא אַחֲרָא, וְהַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ שׂוֹנֵא אוֹתָהּ דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט דָאס פַּיינְט.

וְצָרִיךְ לִהְיוֹת עַקְשָׁן גָּדוֹל בַּעֲבוֹדַת הַשֵּׁם און מֶען דַארְף זַיין זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶער עַקְשָׁן וֶוען עֶס קוּמְט צוּ עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, לִבְלִי לְהָנִיחַ אֶת מְקוֹמוֹ נִישְׁט אָפְּצוּלָאזְן, דְּהַיְנוּ מְעַט מִקְצָת עֲבוֹדָתוֹ שֶׁהִתְחִיל דָאס וָואס מֶען הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן טוּן, אַף אִם יַעֲבֹר עָלָיו מָה זָאל זַיין וָואס זָאל זַיין, וּזְכֹר דָּבָר זֶה הֵיטֵב און גֶעדֶענְק דָאס גוּט, כִּי תִּצְטָרֵךְ לָזֶה מְאֹד וַוייל דוּ וֶועסְט דַארְפְן צוּקוּמֶען צוּ דִי חִיזוּק, כְּשֶׁתַּתְחִיל קְצָת בַּעֲבוֹדַת הַשֵּׁם וֶוען דוּ וֶועסְט אָנְהוֹיבְּן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, כִּי צָרִיךְ עַקְשָׁנוּת גָּדוֹל מְאֹד מְאֹד לִהְיוֹת חָזָק וְאַמִּיץ לֶאֱחֹז עַצְמוֹ לַעֲמֹד עַל עָמְדוֹ וַוייל נָאר אַזוֹי קֶען מֶען זִיךְ דֶערְהַאלְטְן, אַז מֶען אִיז אַ גְרוֹיסֶער עַקְשָׁן און מֶען דֶערְהַאלְט זִיךְ, אַף אִם מַפִּילִין אוֹתוֹ, חַס וְשָׁלוֹם, בְּכָל פַּעַם אֲפִילוּ מֶען פַאלְט אַ גַאנְצְן צַייט אַרָאפּ חַס וְשָׁלוֹם, כִּי לִפְעָמִים יֵשׁ שֶׁמַּפִּילִין אֶחָד מֵעֲבוֹדַת הַשֵּׁם וַוייל עֶס פַּאסִירְט מֶען זָאל אַרָאפְּפַאלְן דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, כַּיָּדוּעַ אַזוֹי ווִי עֶס אִיז בַּאוְוּיסְט. אַף עַל פִּי כֵן מִיט דֶעם אַלֶעם, עָלָיו לַעֲשׂוֹת אֶת שֶׁלּוֹ דַארְף מֶען טוּן וָואס מֶען הָאט צוּ טוּן, לַעֲשׂוֹת מַה שֶּׁיּוּכַל בַּעֲבוֹדַת הַשֵּׁם צוּ טוּן וָואס מֶען קֶען אִין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, וְאַל יָנִיחַ עַצְמוֹ לִפֹּל לְגַמְרֵי, און נִישְׁט זִיךְ לָאזְן אַוֶועקְפַאלְן אִינְגַאנְצְן, חַס וְשָׁלוֹם, כִּי כָּל אֵלּוּ הַנְּפִילוֹת וְהַיְרִידוֹת וְהַבִּלְבּוּלִים וְכַיּוֹצֵא בָּזֶה וַוייל דָאס אַלֶעס וָואס מֶען גֵייט אַרִיבֶּער, צְרִיכִים בְּהֶכְרֵחַ לַעֲבֹר בָּהֶם, קֹדֶם שֶׁנִּכְנָסִין בְּשַׁעֲרֵי הַקְּדֻשָּׁה דַארְף יֶעדֶער אֵיינֶער אַרִיבֶּערְגֵיין אֵיידֶער מֶען קוּמְט אַרַיין אִין דִי שַׁעֲרֵי קְדוּשָׁה, וְגַם הַצַּדִּיקִים הָאֲמִתִּיִּים עָבְרוּ בְּכָל זֶה אוֹיךְ אַלֶע אֱמֶתְ'עֶ צַדִּיקִים זֶענֶען דָאס אַרִיבֶּער.

וְדַע און וויסְן זָאלְסְטוּ, שֶׁיֵּשׁ אֶחָד שֶׁכְּבָר הוּא אֵצֶל הַפֶּתַח שֶׁל הַקְּדֻשָּׁה אַמָאל שְׁטֵייט מֶען שׁוֹין בַּיים טִיר פוּן קְדוּשָׁה, וְהוּא חוֹזֵר לַאֲחוֹרָיו מֵחֲמַת הַבִּלְבּוּלִים הַנַּ"ל און מֶען גֵייט אַוֶועק צוּלִיב דִי אַלֶע בִּלְבּוּלִים, אוֹ שֶׁאֲזַי כְּשֶׁהוּא סָמוּךְ אֵצֶל הַפֶּתַח אָדֶער וֶוען דִי סִטְרָא אַחֲרָא זֶעט ווִי דֶער מֶענְטְשׁ גֵייט שׁוֹין מַמָּשׁ אַרַיין אִין דִי קְדוּשָׁה, אָז מִתְגַּבֵּר עָלָיו הַסִּטְרָא אָחֳרָא וְהַבַּעַל דָּבָר מְאֹד מְאֹד פַארְלֵייגְן זֵיי זִיךְ זֵייעֶר אוֹיף דִי נְשָׁמָה, רַחֲמָנָא לִצְלָן,

בְּהִתְגַּבְּרוּת גָּדוֹל וְנוֹרָא מְאֹד מְאֹד, רַחֲמָנָא לִצְלָן מִיט זֵייעֶר שְׁטַארְקֶע נִסְיוֹנוֹת, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אוּנְז אָפְּהִיטְן פוּן דֶעם, וְאֵין מַנִּיחִין אוֹתוֹ לִכָּנֵס לְתוֹךְ הַפֶּתַח אוּן מֶען לָאזְט אִים נִישְׁט אַרַיין, וֶוערְן עֶרְלִיךְ, וּמֵחֲמַת זֶה הוּא חוֹזֵר לְאָחוֹר, חַס וְשָׁלוֹם אוּן צוּלִיב דֶעם לָאזְט דֶער מֶענְטְשׁ אָפּ זַיין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם.

כִּי כֵּן דֶּרֶךְ הַבַּעַל דָּבָר וְהַסִּטְרָא אָחֳרָא וַוייל דָאס אִיז דִי וֶועג פוּן דִי סִטְרָא אַחֲרָא, כְּשֶׁרוֹאֶה שֶׁהָאָדָם סָמוּךְ סָמוּךְ מַמָּשׁ לְשַׁעֲרֵי הַקְּדֻשָּׁה, וֶוען זֵיי זֶעעֶן וִוי אֵיינֶער אִיז שׁוֹין מַמָּשׁ נָאנְט צוּ וֶוערְן אַ צַדִּיק, וְכִמְעַט שֶׁיִּכְנֹס אוּן עֶר גֵייט שׁוֹין אָט אָט אַרַיין אִין דִי קְדוּשָּׁה, אֲזַי הוּא מִתְפַּשֵּׁט עָלָיו בְּהִתְגַּבְּרוּת גָּדוֹל מְאֹד מְאֹד, רַחֲמָנָא לִצְלָן דֶעמָאלְט פַארְלֵייגְן זֵיי זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק אוֹיף דֶעם מֶענְטְשׁ.

וְשָׁמַעְנוּ מִצַּדִּיק אֲמִתִּי שֶׁאָמַר אוּן אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט פוּן אַן אֱמֶת'עֶר צַדִּיק, שֶׁאִלּוּ הָיָה אוֹמֵר לוֹ אֶחָד, וֶוען אֵיינֶער וָואלְט אִים גֶעזָאגְט, יִהְיֶה מִי שֶׁיִּהְיֶה זָאל זַיין וֶוער זָאל נָאר זַיין, בְּעֵת שֶׁעָסַק בַּעֲבוֹדַת הַשֵּׁם בִּתְחִלָּתוֹ אִין זַיינֶע יוּנְגֶע יָארְן, וֶוען עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - דִי וֶוערְטֶער: אָחִי, חֲזַק וֶאֱחֹז עַצְמְךָ בְּרוּדֶער שְׁטַארְק זִיךְ אוּן דֶערְהַאלְט זִיךְ, הָיִיתִי רָץ וּמִזְדָּרֵז מְאֹד בַּעֲבוֹדָתוֹ יִתְבָּרַךְ וָואלְט אִיךְ גֶעלָאפְן מִיט אַ פְלִינְקְקֵייט צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. כִּי גַּם עָלָיו עָבַר כָּל הַנַּ"ל וַוייל אוֹיף אִים אִיז אוֹיךְ אַרִיבֶּער דָאס אַלֶעס וָואס מִיר הָאבְּן אוֹיבְן דֶערְמַאנְט, וְלֹא הָיָה שׁוֹמֵעַ שׁוּם הִתְחַזְּקוּת מִשּׁוּם אָדָם אוּן עֶר הָאט נִישְׁט גֶעהֶערְט קַיין אֵיין גוּט וָוארְט פוּן קֵיינֶעם, עַל כֵּן מִי שֶׁרוֹצֶה לִכְנֹס בַּעֲבוֹדַת הַשֵּׁם דֶערִיבֶּער וֶוער עֶס וִויל דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, יִזְכֹּר זֹאת הֵיטֵב דַארְף דָאס גוּט גֶעדֶענְקֶען, וְחַזֵּק עַצְמְךָ מְאֹד אוּן זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְקְן, וַעֲשֵׂה מַה שֶּׁתּוּכַל בַּעֲבוֹדַת הַשֵּׁם אוּן טוּן וָואס מֶען קֶען נָאר אִין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, וּבְרִבּוֹת הַיָּמִים וְהַשָּׁנִים אוּן מִיט דִי צַייט, נָאךְ טֶעג אוּן יָארְן, תִּכְנֹס לָבֶטַח בְּעֶזְרָתוֹ יִתְבָּרַךְ לְתוֹךְ שַׁעֲרֵי הַקְּדֻשָּׁה וֶועסְטוּ זִיכֶער זוֹכֶה זַיין צוּ וֶוערְן עֶרְלִיךְ אוּן הֵיילִיג.

כִּי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ מָלֵא רַחֲמִים וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָאךְ פוּל מִיט רַחְמָנוּת, וְרוֹצֶה בַּעֲבוֹדָתְךָ מְאֹד אוּן עֶר וִויל אוּן וַוארְט אוֹיף דַיינֶע עֲבוֹדוֹת, וְדַע אוּן וִויסְן זָאלְסְטוּ, שֶׁכָּל הַתְּנוּעוֹת וְהַהַעְתָּקוֹת שֶׁאַתָּה נִתָּק וְנֶעְתָּק בְּכָל פַּעַם

אֵיזֶה מְעַט מִן גַּשְׁמִיּוּת לַעֲבוֹדָתוֹ יִתְבָּרַךְ יֶעדֶע קְלֵיינִיקַייט וָואס דוּ טוּסְט זִיךְ אוֹיפְצוּהֵייבְּן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, כֻּלָּם מִתְקַבְּצִים וּמִתְחַבְּרִים וּמִתְקַשְּׁרִים אַלֶע קְלֵיינִיקַייטְן נֶעמֶען זִיךְ צוּזַאמֶען, וּבָאִים לְעֶזְרָתְךָ בְּעֵת הַצֹּרֶךְ אוּן וֶועלְן דִיךְ קוּמֶען צוּ הִילְף וֶוען דוּ וֶועסְט זֵיי דַארְפְן הָאבְּן, דְּהַיְנוּ כְּשֶׁיֵּשׁ חַס וְשָׁלוֹם, אֵיזֶה דֹּחַק וְעֵת צָרָה, חַס וְשָׁלוֹם וֶוען עֶס וֶועט קוּמֶען אַ שְׁוֶוערֶע מִינוּט, אַ שְׁוֶוערֶע צַייט חַס וְשָׁלוֹם.

וְדַע אוּן וִויסְן זָאלְסְטוּ, שֶׁהָאָדָם צָרִיךְ לַעֲבֹר עַל גֶּשֶׁר צַר מְאֹד מְאֹד יֶעדֶער אֵיינֶער דַארְף אַרִיבֶּערְגֵיין אַ שְׁמָאלֶע בְּרִיק, וְהַכְּלָל וְהָעִקָּר שֶׁלֹּא יִתְפַּחֵד כְּלָל אוּן דֶער עִיקָר אִיז – נִישְׁט זִיךְ פָּארְכְטְן, וְדַע אוּן וִויסְן זָאלְסְטוּ, שֶׁיֵּשׁ אִילָן עֶס אִיז דָא אַ בּוֹים, שֶׁגְּדֵלִים עָלָיו עָלִים מִיט בְּלֶעטֶער, שֶׁכָּל עָלֶה צָרִיךְ לִהְיוֹת גָּדֵל מֵאָה שָׁנִים וָואס יֶעדֶע בְּלֶעטְל נֶעמְט הוּנְדֶערְט יָאר בִּיז זִי וַואקְסְט אַרוֹיס, וְהוּא נִמְצָא בַּפַּרְדֵּסִים שֶׁל הַשָּׂרִים דִי בֵּיימֶער גֶעפוּנֶען זִיךְ בַּיי דִי גְרוֹיסֶע רַייכֶע הֶערְן, וְקוֹרִין אוֹתוֹ בִּלְשׁוֹנָם מֵאָה שָׁנִים זֵיי רוּפְן דִי בּוֹים אִין זֵייעֶר שְׁפְּרַאךְ 'הוּנְדֶערְט יָאר', וּמִסְתָּמָא כְּשֶׁגָּדֵל מֵאָה שָׁנִים אוּן אַז עֶס גֵייט אַרִיבֶּער הוּנְדֶערְט יָאר, בְּוַדַּאי עוֹבֵר עָלָיו מַה שֶּׁעוֹבֵר גֵייט דָאךְ אִיבֶּער אוֹיפְן בּוֹים אוּן בְּלֶעטְל וָואס גֵייט אַרִיבֶּער, וְאַחַר כָּךְ בְּסוֹף הַמֵּאָה שָׁנִים אוּן נָאךְ דִי הוּנְדֶערְט יָאר, הוּא יוֹרֶה בְּקוֹל גָּדוֹל כְּמוֹ קְנֵי שְׂרֵפָה, שִׁיסְט דִי בּוֹים אַזוֹי וִוי אַ בָּאמְבֶּע, שֶׁקּוֹרִין אוֹרְמַאטְיֶע, וְהָבֵן הַנִּמְשָׁל הֵיטֵב פַארְשְׁטֵיי גוּט דִי מָשָׁל; אַזוֹי אוֹיךְ דֶער מֶענְטְשׁ, אוֹיב עֶר דֶערְהַאלְט זִיךְ אִיז עֶר זוֹכֶה בַּיים סוֹף צוּ גָאר שֵׁיינֶע זַאכְן.

רָאוּי לֵילֵךְ עֶס אִיז וִויכְטִיג צוּ גֶעדֶענְקֶען, עִם מַה שֶּׁנֶּאֱמַר בְּמַאֲמַר אֲזַמְּרָה לֵאלֹקַי בְּעוֹדִי וָואס עֶס שְׁטֵייט אִין לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן סִימָן רפב. דְּהַיְנוּ לְבַקֵּשׁ וּלְחַפֵּשׂ צוּ זוּכְן אִין זִיךְ, לִמְצֹא בְּעַצְמוֹ אֵיזֶה זְכוּת גוּטֶע זַאכְן, וְאֵיזֶה נְקֻדָּה טוֹבָה אֲפִילוּ פִּינְטְלֶעךְ פוּן גוּטְס, וּבָזֶה הַמְּעַט טוֹב שֶׁמּוֹצֵא בְּעַצְמוֹ אוּן מִיט דִי גוּטֶע זַאכְן, יִשְׂמַח זָאל מֶען זִיךְ פְרֵייעֶן, וִיחַזֵּק עַצְמוֹ אוּן זִיךְ שְׁטַארְקְן, וְאַל יַנִּיחַ אֶת מְקוֹמוֹ אוּן זִיךְ נִישְׁט נָאכְלָאזְן, אַף אִם נָפַל אֲפִילוּ מֶען פַאלְט אַרָאפּ, לְמַה שֶּׁנָּפַל אִין בִּיטֶערֶע עֲבֵירוֹת, רַחֲמָנָא לִצְלָן.

אַף עַל פִּי כֵן מִיט דֶעם אַלֶעם, יְחַזֵּק עַצְמוֹ בִּמְעַט דִּמְעַט טוֹב שֶׁמּוֹצֵא

בְּעַצְמוֹ זָאל מֶען זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיט דָאס בִּיסְל גוּטְס וָואס מֶען טְרֶעפְט אִין זִיךְ, עֲדַיִן, עַד אֲשֶׁר יִזְכֶּה לָשׁוּב עַל יְדֵי זֶה לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ בִּיז עֶר וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

**וְכָל הַזְּדוֹנוֹת יִהְיוּ נַעֲשִׂין זְכֻיּוֹת** (עַיֵּן יוֹמָא פו:) וַוייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ טוּט תְּשׁוּבָה, עֶר קֶערְט זִיךְ צוּרִיק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶוערְן פוּן אַלֶע עֲבֵירוֹת - מִצְוֹת.

**וּמֶה עָשָׂה הַבַּעַל שֵׁם טוֹב, זֵכֶר צַדִּיק לִבְרָכָה, עַל הַיָּם כְּשֶׁהֱסִיתוֹ הַבַּעַל דָּבָר וְכוּ'** וָואס הָאט דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב גֶעטוּן אוּנְטֶערְוֶועגְנְס קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, וֶוען עֶר הָאט גֶעהַאט דִי נִסָּיוֹן אַז עֶר הָאט פַּארְלוֹירְן אַלֶע מַדְרֵיגוֹת, הָאט עֶר גֶעזָאגְט: "אִיךְ וֶועל דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אָן קַיין עוֹלָם הַבָּא, אִיךְ וֶועל דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אָן קַיין שְׂכַר"; **וּמִזֶּה תָּבִין עַד הֵיכָן אַתָּה צָרִיךְ לְהִתְחַזֵּק, וּלְבִלְתִּי לְיָאֵשׁ עַצְמְךָ, חַס וְשָׁלוֹם** פוּן דֶעם קֶענְסְטוּ פַארְשְׁטֵיין וִוי שְׁטַארְק מֶען דַארְף זִיךְ שְׁטַארְקְן אוּן נִישְׁט אוֹיפְגֶעבְּן, **אַף אִם יִהְיֶה מַה שֶּׁיִּהְיֶה** זָאל זַיין וָואס זָאל זַיין, **וְהָעִקָּר לִהְיוֹת בְּשִׂמְחָה תָּמִיד** אוּן זַיין שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ, **וִישַׂמַּח עַצְמוֹ בְּכָל מַה שֶּׁיּוּכַל** אוּן זִיךְ פְרֵיילִיךְ מַאכְן מִיט וָואס עֶס אִיז נָאר מֶעגְלִיךְ, **וַאֲפִלּוּ עַל יְדֵי מִלֵּי דִשְׁטוּתָא** אֲפִילוּ זִיךְ נַארִישׁ מַאכְן, אַבִּי זַיין פְרֵיילִיךְ, **לַעֲשׂוֹת עַצְמוֹ כְּשׁוֹטֶה** זִיךְ מַאכְן וִוי אַ נַאר, **וְלַעֲשׂוֹת עִנְיָנֵי שְׁטוּת** אוּן טוּן נַארִישֶׁע זַאכְן, **וּצְחוֹק** לַאכֶעדִיגֶע זַאכְן, **אוֹ קְפִיצוֹת וְרִקּוּדִים** טַאנְצְן אוּן שְׁפְּרִינְגֶען, **כְּדֵי לָבוֹא לְשִׂמְחָה** אַבִּי צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, **שֶׁהוּא דָּבָר גָּדוֹל מְאֹד** וָואס דָאס אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ.

אַ פְרֵיילִיכְן שַׁבָּת.

...

### אַ בְּרָכָה אוֹיף לִיכְטִיגֶע דוֹרוֹת, בִּזְכוּת וָואס אִיר הֶעלְפְּט דֶעם רֶבִּי'ן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פָּרָשַׁת מִקֵּץ, כ"ט כִּסְלֵיו, ה' דְחֲנוּכָּה, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, וְזוּגָתוֹ ... תִּחְיֶ'**

יֶעצְט אִין דִי הֵיילִיגֶע טֶעג פוּן חֲנוּכָּה זָאלְט אִיר אוֹיסְנוּצְן דִי צַייט צוּ בֶּעטְן פַאר קִינְדֶער.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שַׁבָּת כג:): "הָרָגִיל בְּנֵר, הַוְיָן לוֹ בָּנִים תַּלְמִידֵי חֲכָמִים"; בִּשְׁעַת דִי לִיכְט בְּרֶענְט זָאלְט אִיר בֶּעטְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל עֶנְק גֶעבְּן קִינְדֶער צַדִּיקִים, קִינְדֶער וָואס וֶועלְן נָאר דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, קִינְדֶער וָואס וֶועלְן לֶערְנֶען אוּן דַאוֶונֶען; עֶס אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע צַייט צוּ פּוֹעֶלְ'ן יְשׁוּעוֹת.

אִיךְ וואוּנְטְשׁ עֶנְק אַ בְּרָכָה אוֹיף לִיכְטִיגֶע דוֹרוֹת, בִּזְכוּת וָואס אִיר הֶעלְפְּט דֶעם רֶבִּי'ן אַזוֹי גֶעטְרֵיי; דוּ מִיט דִי שְׁטָאטִישֶׁע פְּרָאגְרַאמֶען, מִיטְ'ן צוּשְׁטֶעלְן דִי עֶסְן פַאר דִי קִינְדֶער, אוּן אִיר מִיט דִי סְקוּל.

פַארְלִירְט אַייךְ נִישְׁט, אִיר וֶועט זֶען לִיכְטִיגֶע דוֹרוֹת.

אִיךְ בֶּעט פַאר עֶנְק.

...

### וִוי מֶער מֶען דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַלְץ שְׁטֶערְקֶער וֶוערְט דִי מֹחַ

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פָּרָשַׁת וַיִּגַּשׁ, ב' טֵבֵת, זֹאת חֲנוּכָּה, שְׁנַת תשפ"ג לפ"ק מָרַת ... תִּחְיֶ' בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי

גֵייט צוּם פֶענְסְטֶער, קוּקְט אַרוֹיף צוּם הִימְל אוּן זָאגְט: "שְׁכֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער פַאר מַיין לֶעבְּן, שְׁכֹּחַ פַאר מַיין מַאן, שְׁכֹּחַ פַאר מַיינֶע קִינְדֶער"; רֶעכְנְט אוֹיס דִי נֶעמֶען פוּן יֶעדְן קִינְד.

דָאס זָאלְט אִיר טוּן יֶעדְן טָאג, וֶועט אִיר וֶוערְן גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק; וַוייל

ווי מֶער מֶען דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - אַלְץ שְׁטֶערְקֶער וֶוערְט דִי מֹחַ, מֶען בַּאקוּמְט שְׁטַארְקֶע כֹּחוֹת הַגּוּף וְהַנֶּפֶשׁ.

...

### נָאר מִיטְ'ן לֶערְנֶען הִלְכוֹת שַׁבָּת, קֶען מֶען הִיטְן שַׁבָּת

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת וַיִּגַּשׁ, ב' טֵבֵת, זֹאת חֲנוּכָּה, שְׁנַת תשפ"ג לפ"ק

מָרַת ... תִּחְיֶ' בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

עֶס אִיז זֵייעֶר ווִיכְטִיג צוּ לֶערְנֶען הִלְכוֹת שַׁבָּת, וַוייל נָאר אַזוֹי קֶען מֶען הִיטְן שַׁבָּת.

בְּנוֹגֵעַ אוֹיבּ מֶען מֶעג נוּצְן דִי דִינֶע פָּאוֹנִי פְּלֶעסְטִיק רָאבֶּערְס צַאמְצוּבִּינְדְן דִי הָאר פוּן קְלֵיינֶע קִינְדֶער; שַׁבָּת טָאר מֶען עֶס נִישְׁט נוּצְן, וַוייל עֶס אִיז נִישְׁט מֶעגְלִיךְ דָאס צוּ נוּצְן אָן אוֹיסְרַייסְן הָאר, עֶנְדֶערְשׁ זָאל מֶען נוּצְן דִי גְרָאבֶּע רָאבֶּערְס, אָדֶער קֶען מֶען לֵייגְן דִי דִינֶע אוּם עֶרֶב שַׁבָּת אוּן דָאס נִישְׁט אַרוֹיסְנֶעמֶען אַ גַאנְץ שַׁבָּת.

בְּנוֹגֵעַ אָנְגְרֵייטְן וֶועשׁ פַאר דִי קִינְדֶער פְרַייטָאג צוּ נַאכְטְס פַאר שַׁבָּת אִינְדֶערְפְרִי; מֶען מֶעג אָנְגְרֵייטְן וֶועשׁ פַאר דִי קִינְדֶער, עֶס אִיז נִישְׁט קֵיין פְּרָאבְּלֶעם פוּן אָנְגְרֵייטְן אֵיין טָאג פַארְ'ן צְווֵייטְן; פוּן בַּיינַאכְט אוֹיף אִינְדֶערְפְרִי אִיז אֵיין טָאג.

זַייט מַמְשִׁיךְ צוּ זָאגְן תְּהִלִּים יֶעדְן טָאג, וֶועט אִיר זֶען גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת.

...

### תְּהִלִּים בְּרֶענְגְט שָׁלוֹם בַּיִת, תְּהִלִּים בְּרֶענְגְט נַחַת

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת וַיִּגַּשׁ, ב' טֵבֵת, זֹאת חֲנוּכָּה, שְׁנַת תשפ"ג לפ"ק

אַ מַתָּנָה פַאר ... תִּחְיֶ'

זָאגְט אַבִּיסְל תְּהִלִּים יֶעדְן טָאג;

תְּהִלִּים גֶעבְּט כֹּחַ

תְּהִלִּים גֶעבְּט מֹחַ

תְּהִלִּים מַאכְט פְרֵיילִיךְ

תְּהִלִּים הִיט דֶעם מֶענְטְשׁ

תְּהִלִּים בְּרֶענְגְט שָׁלוֹם בַּיִת

תְּהִלִּים בְּרֶענְגְט נַחַת.

פוּן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה.

...

### גֶעבֶּענְטְשְׁט זָאלְט אִיר זַיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר׳ן זִיךְ אָפְּשֶׁערְן דִי הָאר

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת וַיִּגַּשׁ, ב׳ טֵבֵת, זֹאת חֲנוּכָּה, שְׁנַת תשפ״ג לפ״ק

מָרַת ... תְּחְיֶ׳ בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי

גֶעבֶּענְטְשְׁט זָאלְט אִיר זַיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר׳ן טוּן דִי גְרוֹיסֶע הֵיילִיגֶע זַאךְ פוּן זִיךְ אָפְּשֶׁערְן דִי הָאר. אִיךְ בִּין זֵייעֶר אִיבֶּערְגֶענוּמֶען; וֶוען אִיר הָאט מִיר דָאס דֶערְצֵיילְט בַּיי דִי חֲנוּכָּה לִיכְט - אִיז מִיר גֶעקוּמֶען טְרֶערְן פוּן שִׂמְחָה אוּן הִתְרַגְּשׁוּת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אַייךְ גֶעבְּן עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער, הֵיילִיגֶע קִינְדֶער, אוּן שֶׁפַע, פַּרְנָסָה בְּרֶיוַח, אוּן דִי שְׁכִינָה הַקְּדוֹשָׁה זָאל רוּעֶן בַּיי עֶנְק אִין שְׁטוּבּ.

...

### בֶּעטְס אַלֶע אֵייעֶרֶע בַּקָשׁוֹת בַּיים צִיּוּן פוּן מוֹהֲרַ״ש זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת וַיִּגַּשׁ, ב׳ טֵבֵת, זֹאת חֲנוּכָּה, שְׁנַת תשפ״ג לפ״ק

מָרַת ... תְּחְיֶ׳, יַבְנְאֵל

זָאגְט יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל תְּהִלִּים - וֶועט אִיר הָאבְּן אַלֶעס גוּטְס, וַוייל תְּהִלִּים בְּרֶענְגְט יְשׁוּעוֹת, תְּהִלִּים בְּרֶענְגְט נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אוֹיךְ זָאלְט אִיר אַרֵיינְפְלֶעכְטְן אַייעֶרֶע אֵייגֶענֶע תְּפִילּוֹת; סֵיי בַּקָשׁוֹת אוּן סֵיי תּוֹדָה וְהוֹדָאָה.

אויך זָאלְט איר גֵיין צום צִיוּן פון מוֹהֲרַא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ און בֶּעטְן אַלֶע אַייעֶרֶע בַּקָשׁוֹת, וַוייל דָארְט אִיז מְסוּגָל צוּ וֶוערְן גֶעהָאלְפְן.

אויך בֶּעטְס בַּיים צִיוּן פון מוֹהֲרַא"שׁ פַאר מִיר, יוֹאֵל בֶּן רַייצָא רֶעכִיל.

...

### תְּהִלִּים יֶעדְן טָאג, וֶועט אָפְּהִיטְן פון אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת וַיִּגַּשׁ, ב' טֵבֵת, זֹאת חֲנוּכָּה, שְׁנַת תשפ"ג לפ"ק

**אַ מַתָּנָה פַאר דִי חָשׁוּבְ'עֶ תַּלְמִידָה בֵּית פֵיגָא ... תְּחְיֶ'**

זֶעט צוּ זָאגְן תְּהִלִּים יֶעדְן טָאג, וֶועט אִיר זַיין אָפְּגֶעהִיטְן פון אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס.

פון דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה.

...

### אִיךְ דַארְף דַיין הִילְף צוּ קֶענֶען וַוייטֶער אָנְגֵיין מִיט דִי מוֹסְדוֹת

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת וַיִּגַּשׁ, ג' טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ דַארְף דַיין הִילְף צוּ קֶענֶען וַוייטֶער אָנְגֵיין מִיט דִי מוֹסְדוֹת; סֵיי מִיט שְׂכַר לִימוּד און סֵיי מִיט צְדָקָה. אֲפִילוּ דַיינֶע פְּרוּטוֹת דַארְף אִיךְ; אוֹיבּ דוּ הָאסְט אַ פוּלֶע פוּשְׁקֶע - בִּיטֶע בְּרֶענְג עֶס מִיר, און אוֹיבּ דוּ הָאסְט נִישְׁט קַיין פוּשְׁקֶע - וֶועל אִיךְ דִיר גֶעבְן.

אִיךְ דַארְף דִי הִילְף פון אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ; חַסְדֵי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, מוֹהֲרַא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט מִיךְ גוּט אָנְגֶעגְרֵייט מִיט שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה נִישְׁט צוּ וֶוערְן פַארְלוֹירְן אֲפִילוּ וֶוען מֶען זֶעט נִישְׁט אַ וֶועג ווִי אַזוֹי אָנְצוּגֵיין, אָבֶּער אִיךְ דַארְף דַיין הִילְף מִיט וָואס דוּ קֶענְסְט.

אוֹיבּ דוּ וֵוייסְט אֵיינֶער וָואס קֶען זַיין אַ גַבַּאי צְדָקָה - בִּיטֶע זֵיי מִיר מוֹדִיעַ, אִיךְ זוּךְ אַ פָאנְדְרֶעיזֶער פַאר דִי מוֹסְדוֹת.

שְׁטַארְק זִיךְ מִיט דִי דְרֵיי תְּפִילוֹת, צוּ דַאוֶוענֶען דַוְקָא מִיט מִנְיָן און מִיט

אַ סִידוּר. פְּרוּבִיר מְקַשֵׁר זַיין דֶעם מֹחַ צוּ דַיין מוֹיל, דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א׳, סִימָן עג) דָאס אִיז תְּפִלָּה בְּכֹחַ, אַז מֶען הָאט אִינְזִין וָואס מֶען דַאוֶוענְט; הוֹיבּ נִישְׁט אָן דַיין טָאג אָן דַאוֶוענֶען, דָאס עֶרְשְׁטֶע זַאךְ - גֵיי דַאוֶוען.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**אִיךְ מוּז וַוייטֶער אָנְהַאלְטְן דִי מוֹסָד, אִיךְ זוּךְ אַ פָּאנְדְרֶעיזֶער**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת וַיִּגַּשׁ, ג׳ טֵבֵת, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן**

**צוּ מַיין לִיבֶּער חָבֵר ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ הַיינְט גֶעשְׁרִיבְּן אַ בְּרִיוו פַאר אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אַז אִיךְ זוּךְ אַ פָּאנְדְרֶעיזֶער.

זַיי נִישְׁט בְּרוֹגֶז אוֹיף מִיר, אִיךְ זוּךְ נִישְׁט אַוֶועק צוּ נֶעמֶען פוּן דִיר דִי אַמְט, אָבֶּער אִיךְ וִויל זַיין אָפְן מִיט דִיר; דִי אַנְדֶערֶע פָּאנְדְרֶעיזֶערְס בַּיי אוּנְז אִין דִי מוֹסָד, אַלֶע פוּן זֵיי - טוּעֶן זֵייעֶר אַרְבֶּעט בִּשְׁלֵמוּת. מֹשֶׁה אַרְיֵ׳ דֶעקְט דִי כּוֹלֵל; דִי אִינְגֶעלַייט וֶוערְן בַּאצָאלְט יֶעדֶע דְרֵיי וָואכְן. שַׁבְּתַי דָוִד אוּן אָשֵׁר בֶּער טוּעֶן זֵייעֶר אַרְבֶּעט בִּשְׁלֵמוּת; דִי רֶענְט פַאר אוּנְזֶערֶע בִּנְיָנִים אִין שְׁטָאט וֶוערְן בַּאצָאלְט חוֹדֶשׁ׳לִיךְ. אַזוֹי אוֹיךְ לֵייבִּי טוּט זַיין אַרְבֶּעט; מֶען דְרוּקְט סְפָרִים, קוּנְטְרֵסִים אוּן גִלְיוֹנוֹת - אָן אָפְּשְׁטֶעל, אָבֶּער דִי מוֹסָד הָאט אַ גְרוֹיסֶע לָאךְ.

אִיךְ הָאבּ נֶעכְטְן נַאכְט גֶערֶעדְט מִיט אַבְרָהָם שַׁבְּתַי, אִיךְ הָאבּ אִים גֶעזָאגְט: "גֶעעֶנְדִיגְט מִיט צָאלְן דִי אַיינְגֶעשְׁטֶעלְטֶע, אִיךְ לָאז נִישְׁט בָּארְגְן קַיין גֶעלְט". אִיךְ הָאבּ אִים גֶעזָאגְט: "דִי עֶרְשְׁטֶע פְּרִינְצִיפּ אִין אָפִּיס אִיז גֶעוֶוען אַלֶע יָארְן, ׳נִישְׁטָא אַזַא זַאךְ בָּארְגְן גֶעלְט, אִיז דָא גֶעלְט צָאלְט מֶען אוּן אַז נִישְׁט - צָאלְט מֶען נִישְׁט׳, אוּן הֱיוֹת עֶס אִיז לֵיידִיג דִי קַאסֶע קֶען מֶען נִישְׁט בָּארְגְן".

נָאכְאַמָאל, אִיךְ זוּךְ נִישְׁט צוּצוּנֶעמֶען פוּן דִיר דַיין אַמְט; הָאסְט מִיר גֶעהָאלְפְן אַלֶע יָארְן אַזוֹי גֶעטְרֵיי, מִיר הָאבְּן צוּזַאמֶען גֶעעֶפְנְט דִי מוֹסָד, אוּן

הַלְוַאי זָאלְסְטוּ וַוייטֶער שְׁטֵיין צוּ דִי הַאנְט. לֶעצְטְנְס הָאסְטוּ אָנְגֶעהוֹיבְּן שְׁרַייבְּן אַרְטִיקְלֶען, אִיךְ רֶעד נִישְׁט אַרַיין אִין וָואס דוּ טוּסְט, מִן הַסְתָּם הָאסְטוּ גֶעמַאכְט אוֹיף דֶעם אַסַאךְ הִתְבּוֹדְדוּת, אוֹיב דוּ זָאלְסְט אַוֶועקְגֶעבְּן דַיינֶע טֶעג אוּן יָארְן פַּאר שְׁרַייבְּן. אִיךְ מוּז וַוייטֶער אָנְהַאלְטְן דִי מוֹסָד, אוּן אִיךְ זוּךְ אַ פָּאנְדְרֶעיזֶער זָאל מִיר הֶעלְפְן אָנְפִילְן דִי לָאךְ.

אִיךְ בִּין נִישְׁט בְּרוֹגֶז אוֹיף דִיר אַז דוּ וֶועסְט עֶנְדֶערְשׁ שְׁרַייבְּן וְכוּ׳; אִיךְ הָאבּ דִיךְ זֵייעֶר לִיבּ, וְנַפְשִׁי קְשׁוּרָה בְּנַפְשְׁךְ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**אוֹיב קֶענְסְטוּ נִישְׁט זַיין אִין צַייט, קֶענְסְטוּ נִישְׁט זַיין אַ מְלַמֵּד**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת וַיִּגַּשׁ, ג׳ טֵבֵת, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד דֶער חָשׁוּבֿ׳עֶר מְלַמֵּד הָרַב ... נֵרוֹ יָאִיר, מְלַמֵּד בְּחֵדֶר הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ קִרְיַת בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי.

אִיךְ ווִיל דִיךְ דֶערְמַאנֶען צוּ זַיין צַייטְלִיךְ. אִיךְ נֶעם זִיךְ אוֹיס מִיט דִיר צוּ זַיין צַייטְלִיךְ, אוֹיב קֶענְסְטוּ נִישְׁט זַיין אִין צַייט - קֶענְסְטוּ נִישְׁט זַיין בַּיי מִיר קַיין מְלַמֵּד; אִיךְ בִּין נִישְׁט מוֹחֵל אוֹיף דֶעם, אוּן אִיךְ ווִיל נִישְׁט הֶערְן קַיין שׁוּם תֵּירוּץ.

אוֹיךְ ווִיל אִיךְ דִיךְ מְחַזֵּק זַיין, חַס וְשָׁלוֹם אַרוֹיסְצוּגֵיין פוּן כִּתָּה אִין דִי צַייט וָואס מֶען דַארְף לֶערְנֶען מִיט דִי קִינְדֶער, אִיבֶּערְלָאזְן דִי קִינְדֶער אוֹיף הֶפְקֵר.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**מַאךְ דִיר אַ חֶשְׁבּוֹן וָואס דוּ בַּאקוּמְסְט אִין הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ד' פָּרָשַׁת וַיִּגַּשׁ, ד' טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

בְּנוֹגֵעַ דַיינֶע בִּלְבּוּלִים וְכוּ' אוּן אַלֶע פְרַאגֶעס וָואס מֶען פְרֶעגְט דִיר אוֹיף הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ וְכוּ'; אִיךְ בִּין דָאס אוֹיךְ אַלֶעס אַרִיבֶּער, אוּן יֶעדֶער אֵיינֶער דַארְף דָאס אַרִיבֶּערְגֵיין. אִיךְ הָאבּ זִיךְ אַלֵיין גֶעמַאכְט אַ חֶשְׁבּוֹן פַאר מִיר: 'וָואס בַּאקוּם אִיךְ פוּן רֶבִּי'ן? וָואס גֶעוִוין אִיךְ אִין הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ? וָואס מֵיינְט מוֹהֲרַ"אשׁ פַאר מִיר?' דָאס הָאט מִיךְ גֶעהַאלְטְן אַלֶע יָארְן אוּן דָאס הַאלְט מִיךְ נָאךְ עַד הַיּוֹם הַזֶּה.

מֶען הָאט מִיךְ גֶעפְרֶעגְט שְׁוֶוערֶע שְׁאֵלוֹת אוֹיף מוֹהֲרַ"אשׁ, אִיךְ פְלֶעג זֵיי עֶנְטְפֶערְן: אִיךְ בִּין נִישְׁט מוֹהֲרַ"אשְׁ'ס סֶעקְרֶעטַאר, אִיךְ דַארְף נִישְׁט פַארְעֶנְטְפֶערְן מוֹהֲרַ"אשׁ אוּן נִישְׁט הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ. אִיךְ בִּין גֶעקוּמֶען פַאר מִיר, אִיךְ בִּין גֶעקוּמֶען זִיךְ הֵיילְן, אוּן אַזוֹי וִוי וֶוען אִיךְ גֵיי צוּם דָאקְטֶער אִינְטֶערֶעסִירְט מִיךְ נִישְׁט אוֹיבּ דֶער דָאקְטֶער הָאט אַ שָׁכֵן מִיט וֶועם עֶר קְרִיגְט זִיךְ אוּן אוֹיבּ דֶער דָאקְטֶער הָאט פַארְשִׁיקְט זַיין אַרְבֶּעטֶער, אִיךְ וַוארְט אִין וַוארְט-צִימֶער וֶוען עֶס וֶועט זַיין מַיין רֵייעֶ אַרַיינְצוּגֵיין, אִיךְ זָאג דֶעם דָאקְטֶער וָואס טוּט מִיר וֵויי אוּן דֶער דָאקְטֶער פַארְשַׁרַייבְּט מִיר אַ מֶעדֶעצִין; פַאר דִי סִיבָּה בִּין אִיךְ גֶעקוּמֶען צוּ מוֹהֲרַ"אשׁ, עֶר זָאל מִיךְ אוֹיסְהֵיילְן; מִיךְ בְּרֶענְגֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מִיךְ מַאכְן לֶערְנֶען אוּן מִיךְ מַאכְן הָאבְּן שָׁלוֹם בַּיִת, אִיךְ זָאל שְׁפִּירְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אַלֶעס אַנְדֶערְשׁ אִינְטֶערֶעסִירְט מִיךְ נִישְׁט.

הַלְוַאי זָאלְסְטוּ זִיךְ דֶערְהַאלְטְן, אִיךְ זֶע צְוִוישְׁן דִי חֲבֵרִים אִיז דָא שְׁוַואכֶע מֹחוֹת; מֶען קֶען יֶענֶעם בְּרֶענְגֶען צוּ דִי שֶׁענְסְטֶע אוּן הֶעכְסְטֶע מַדְרֵיגוֹת אוּן פְלוּצְלוּנְג, מִיט אֵיין מַאךְ מִיט דִי הַאנְט אִיז אַלֶעס פֶערְטִיג.

יֶעצְט פַארְשְׁטֵיי אִיךְ וָואס מוֹהֲרַ"אשׁ פְלֶעגְט דֶערְצֵיילְן, אַז דֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט פַאר רֶבִּי נָתָן: "אִיךְ הָאבּ דִיר שׁוֹין אַרַיינְגֶעכַאפְּט אִין מַיין זַאק", הָאט רֶבִּי נָתָן גֶעזָאגְט: "רֶבִּי, בִּינְד מִיךְ צוּ אִינֶעם זַאק אִיךְ זָאל נִישְׁט אַוֶועקְגֵיין". רֶבִּי נָתָן פְלֶעגְט זָאגְן פַאר דִי וָואס הָאבְּן זִיךְ אָפְּגֶעקִילְט: "פוּן

אַזַא רֶבִּי גֵייט מֶען אַוֶועק?! זָאל דֶער רֶבִּי נֶעמֶען אַ דְרָאנְג און מִיךְ שְׁלָאגְן – וֶועל אִיךְ אוֹיךְ נִישְׁט אַוֶועקְגֵיין".

קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ דִינְסְטָאג עֲשָׂרָה בְּטֵבֵת גֶעפַאלְט דִי יָארְצַייט פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי נָתָן, מָאנְטָאג נַאכְט וֶועלְן זִיךְ אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ צַאמְנֶעמֶען בְּכָל אֲתַר וַאֲתַר דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר רֶבִּי נָתָן. דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן שע): "וֶוען נִישְׁט רֶבִּי נָתָן וָואלְט פוּן מִיר נִישְׁט גֶעבְּלִיבְּן אַ שֵׁמוֹת בְּלֶעטְל".

אִיךְ וֶועל זִיךְ בַּאטֵיילִיגְן בַּיי דִי סְעוּדָה אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ בְּלוּמִינְגְרָאוו; מֶען וֶועט קֶענֶען מִיטְהַאלְטְן דִי שִׁיעוּר אִין אַלֶע בָּתֵּי מֶדְרָשִׁים הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ.

מָארְגְן וֶועט זַיין דִי וֶועכְנְטְלִיכֶע לֵיל שִׁישִׁי שִׁיעוּר אִין יְשִׁיבָה; הַלְוַאי וֶועסְטוּ זִיךְ אָפְּרַייסְן פוּן אַלֶע שְׁטֶערוּנְגֶען און קוּמֶען צוּם שִׁיעוּר.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

נֶעם זִיךְ גָארְנִישְׁט צוּם הַארְצְן, נֶעם דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין הַארְץ

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ – יוֹם ה' פַּרְשַׁת וַיִּגַּשׁ, ה' טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

דַאֲגָה נִישְׁט, עֶס וֶועט דִיר נִישְׁט הֶעלְפְן – זָארְגְן, עֶס וֶועט נָאר עֶרְגֶער מַאכְן. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (סַנְהֶדְרִין ק:): "לָא תַּעֵיל דַוְיָא בְּלִבָּךְ", זָארְג נִישְׁט, "דְּגַבְרֵי גִּיבָּרִין קְטַל דַּוְיָא", וַוייל גְרוֹיסֶע שְׁטַארְקֶע מֶענְטְשְׁן זֶענֶען פוּן דֶעם גֶעשְׁטָארְבְּן.

נֶעם זִיךְ גָארְנִישְׁט צוּם הַארְצְן, נֶעם דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין הַארְץ; לֵייג זִיךְ אַרַיין אִין אֱמוּנָה. חַזֵּר אֱמוּנָה, זִינְג אֱמוּנָה: "אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אַלֶעס אִיז עֶר און עֶר אִיז אַלֶעס"; דָאס וֶועט אַרוֹיסְנֶעמֶען אַלֶע זָארְג פוּן דַיין הַארְץ.

עֶס אִיז דָא אַזוֹיפִיל גוּטְס, מֶען דַארְף זוּכְן דָאס גוּטְס אִין דִי פְּרָאבְּלֶעם.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א׳, סִימָן קצה) אֲפִילוּ וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בְּרֶענְגְט צָרוֹת - דַארְף מֶען זוּכְן אִין דִי שְׁלֶעכְטְס עֶפֶּעס גוּטְס, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (תְּהִלִּים ד, ב): "בַּצָּר הִרְחַבְתָּ לִּי", דָוִד הַמֶּלֶךְ דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן "אִין דִי צָרָה - הָאסְטוּ מִיר בְּרֵייט גֶעמַאכְט".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

מַאךְ נִישְׁט קַיין אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע זַאכְן אוֹיפְ׳ן רֶבִּינְ׳ס נָאמֶען

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת וַיִּגַּשׁ, ה׳ טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אַוַדַאי לַאכְט דֶער מַשְׁגִּיחַ פוּן עֶנְק אוּן עֶר קוּקְט עֶנְק אָן וִוי נַארִישֶׁע בָּחוּרִים. וֶוען בַּיי אוּנְז גֵייט מֶען נִישְׁט מִיט קַיין קֵייטְל, אוּן פְּלוּצְלוּנְג זֶעט עֶר בָּחוּרִים אִין יְשִׁיבָה טְרָאגְן אַ קֵייטְל מִיט אַ קַמֵיעַ.

אַזוֹי אִיז אַלֶע מַעֲשִׂיּוֹת וָואס בָּחוּרִים דֶערְצֵיילְן אַז מֶען רוֹדְפְ׳ט זֵיי אִין יְשִׁיבָה צוּלִיבּ בְּרֶסְלֶב. אַז מֶען וֶועט גוּט אַרַיינְקוּקְן אִין דִי מַעֲשֶׂה וֶועט מֶען זֶען אַז מַשְׁגִּיחִים אוּן רָאשֵׁי יְשִׁיבוֹת רוֹדְפְ׳ן נִישְׁט קַיין בָּחוּרִים צוּלִיבּ בְּרֶסְלֶב, נָאר וֶוען דִי בָּחוּרִים דְרֵייעֶן אִיבֶּער דִי יְשִׁיבָה אוּן טוּעֶן נַארִישֶׁע זַאכְן וְכוּ׳ וְכוּ׳.

חֲסִידִי"שֶׁע בָּחוּרִים גֵייעֶן נִישְׁט מִיט קַיין קֵייטְל אוֹיפְן הַאלְז. אִיךְ גֵיי אוֹיךְ מִיט דִי קַמֵיעַ פוּן מוֹהֲרָא"שׁ, אִיךְ לֵייג עֶס אוֹיפְן שְׁלִיסְל הַאלְטֶער, נִישְׁט אוֹיפְן הַאלְז. זָאלְסְטוּ אוֹיסְטוּן דִי קֵייטְל אוּן נִישְׁט מַאכְן קַיין אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע זַאכְן אוֹיפְן רֶבִּינְ׳ס נָאמֶען. דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת צַדִּיק, סִימָן סט): "מִי שֶׁאוֹהֵב אֶת הַצַּדִּיק, צָרִיךְ לִשְׁמֹר אֶת הַצַּדִּיק, שֶׁלֹּא יֵצֵא עָלָיו שֵׁם רָע", וֶוער עֶס הָאט לִיבּ דֶעם צַדִּיק דַארְף אַכְטוּנְג גֶעבְּן עֶס זָאל נִישְׁט אַרוֹיסְגֵיין אַ שְׁלֶעכְטֶע נָאמֶען אוֹיפְן צַדִּיק.

לֶערְן דַיינֶע שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן, זַיי מְכַבֵּד דַיינֶע מַגִּידֵי שִׁיעוּרִים, פִיר זִיךְ מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ אוּן לֶערְן אַסַאךְ דֶעם רֶבִּינְ׳ס סְפָרִים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**יֶעדֶע בְּרִיוו אִין "אֲשֶׁר בַּנַּחַל" אִיז נַייעֶ שֵׂכֶל אוּן נַייעֶ חִיזוּק**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פָּרָשַׁת וַיִּגַּשׁ, ו' טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד ... **נֵרוֹ יָאִיר, יַבְנְאֵל**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אֲשֶׁר בַּנַּחַל חֵלֶק קצא, אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ. אִיךְ הָאבּ דָאס שׁוֹין מְסַיֵּים גֶעוֶוען אֵיינְמָאל, אוּן יֶעצְט גֵיי אִיךְ דָאס אִיבֶּער נָאכְאַמָאל. וָואס זָאל אִיךְ דִיר זָאגְן מַיין לִיבֶּער בְּרוּדֶער, יֶעדֶע בְּרִיוו אִיז נַייעֶ שֵׂכֶל, נַייעֶ הִתְחַזְקוּת. מֶען הַאלְט שׁוֹין בַּיי חֵלֶק קצא, בַּיי דִי אֵיין אוּן פוּפְצִיג טוֹיזְנְטְסְטֶע בְּרִיוו, אוּן נָאכְאַלֶץ אִיז יֶעדֶע בְּרִיוו נַייעֶ שֵׂכֶל אוּן נַייעֶ חִיזוּק וָואס אִיז מְחַיֶּה דֶעם מֶענְטְשׁ אִין יֶעדְן מַצָּב; אִיךְ זֶע אִין דֶעם חֵלֶק אֲשֶׁר בַּנַּחַל זַאכְן וָואס אִיךְ הָאבּ נָאכְנִישְׁט גֶעזֶען בִּיז אַהֶער.

אוֹיךְ הָאבּ אִיךְ עֶרְהַאלְטְן דֶעם סֵפֶר אֲשֶׁר בַּנַּחַל לְנָשִׁים חֵלֶק ב', זֵייעֶר אַ שֵׁיינֶע אַרְבֶּעט מַאכְט עֶר, אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הֲנָאָה פוּן דֶעם. אֵיין זַאךְ וָואלְט אִיךְ אַנְדֶערְשׁ גֶעמַאכְט, עֶר הָאט אַרַיינְגֶעלֵייגְט שְׁטִיקְלֶעךְ פוּן סֵפֶר שיש"ק. וֶוען עֶר פְרֶעגְט מִיר, וָואלְט אִיךְ אִים גֶעזָאגְט, מוֹהֲרַא"שׁ הָאט דָאךְ מְפַקְפֵּק גֶעוֶוען אוֹיף דִי שִׂיחוֹת וָואס שְׁטֵייט דָארְט, אוּן עֶר הָאט בְּפֵירוּשׁ גֶעזָאגְט אוֹיף כַּמָּה שִׂיחוֹת אַז דָאס אִיז נִישְׁט אֱמֶת, אוּן כַּמָּה שִׂיחוֹת אִיז נֶגֶד הֲלָכָה וְכוּ' וְכוּ', אִיז וָואס דַארְף עֶר מִישְׁן אֲשֶׁר בַּנַּחַל מִיט שיש"ק...

בִּכְלַל, "מִי נִתְלָה בְּמִי, הֱוֵי אוֹמֵר, קָטָן נִתְלָה בַּגָּדוֹל" (תַּעֲנִית ז.); גֶעבּ אַרוֹיס אַ שיש"ק אוּן צֵייכְן צוּ אוּנְטֶער יֶעדֶע שִׂיחָה אַז דִי שִׂיחָה אִיז אֱמֶת, וַוייל עֶס שְׁטֵייט אִין אֲשֶׁר בַּנַּחַל.

מִיר דַארְפְן נִישְׁט קַיין הַסְכָּמָה אוֹיף אֲשֶׁר בַּנַּחַל. מוֹהֲרַא"שׁ זָאגְט, סֵפֶר אֲשֶׁר בַּנַּחַל דָאס אִיז גִּלּוּי אֱלֹקוּת וָואס מֶען קֶען נִישְׁט טְרֶעפְן אִין קַיין שׁוּם אַנְדֶערֶע סֵפֶר, מוֹהֲרַא"שׁ הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעדְרוּקְט אוֹיף דֶעם סֵפֶר: "אֲשֶׁר בַּנַּחַל אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיינְס".

אִיךְ בִּין דִיר זֵייעֶר מַכִּיר טוֹבָה פַאר מִיר שִׁיקְן אַלֶע נֵייעֶ סְפָרִים.

אִיךְ שִׁיק דִיר אַ בְּרִיוו פַאר דַיין טָאכְטֶער ... תִּחְיֶ'.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**הֲפָצָה מִיט דִי קוּנְטְרֵסִים פוּן עֲצָתוֹ אֱמוּנָה מְתּוּרְגָם**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פָּרָשַׁת וַיִּגַּשׁ, ו' טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן ... תִּחְיֶ', יַבְנְאֵל

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

זֵייעֶר שֵׁיין צוּ הֶערְן אַז אִיר גֵייט הֲפָצָה, אִיר פַארְשְׁפְּרֵייט דִי שֵׁיינֶע סְפָרִים, דִי נֵייעֶ קוּנְטְרֵסִים 'עֲצָתוֹ אֱמוּנָה', 'אִישׁ אֱמוּנוֹת' - אִין יַבְנְאֵל עִיר בְּרֶסְלֶב.

אִינְטֶערֶעסַאנְט אַז דִי וָואס קֶענֶען לֵיינֶען לָשׁוֹן קוֹדֶשׁ - דַארְפְן דִי קוּנְטְרֵסִים פוּן עֲצָתוֹ אֱמוּנָה מְתּוּרְגָם; אִין יַבְנְאֵל קֶענֶען דָאךְ אַלֶע לָשׁוֹן הַקוֹדֶשׁ, קֶענֶען זֵיי לֶערְנֶען אוּן זִיךְ מְחַיֶּ' זַיין מִיט דִי צֶענְדְלִיגֶער טוֹיזְנְטֶער בְּרִיוו 'אֲשֶׁר בַּנַּחַל' וָואס מוֹהֲרָא"שׁ הָאט גֶעשְׁרִיבְּן. דִי בְּרִיוו פוּן עֲצָתוֹ אֱמוּנָה אִיז גֶעשְׁרִיבְּן פַאר דִי וָואס פַארְשְׁטֵייעֶן נִישְׁט קַיין לָשׁוֹן הַקוֹדֶשׁ, מִיר הָאבְּן אַ קְהִילָּה אִין אַמֶערִיקֶע וָואס פַארְשְׁטֵייעֶן נִישְׁט קַיין לָשׁוֹן הַקוֹדֶשׁ, זֵיי בֶּעטְן זִיךְ, זֵיי ווִילְן חִיזוּק, זֵיי ווִילְן הֶערְן וָואס מוֹהֲרָא"שׁ הָאט גֶעזָאגְט אַלֶע יָארְן; פַאר זֵיי שְׁרַייבּ אִיךְ דִי בְּרִיוו, אוּן מֶען אִיז דָאס מְתַּרְגֵּם פַאר דִי וָואס פַארְשְׁטֵייעֶן נִישְׁט אִידִישׁ.

שְׁרַייבְּט מִיר יֶעדֶעס מָאל אִיר זֶענְט מְסַיֵּים נָאכְאַמָאל סֵפֶר תְּהִלִּים, אוּן זַייט קְלוּג, גֵייט אַרוֹיף צוּם צִיוּן פוּן מוֹהֲרָא"שׁ ווִי מֶער, אוּן זַייט זִיךְ דָארְט מִתְבּוֹדֵד. בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר אַייךְ אוּן פַאר אַייעֶרֶע דוֹרוֹת, אוּן פַאר גַאנְץ כְּלַל יִשְׂרָאֵל.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## 'שָׁלוֹם' מֵיינְט נִישְׁט אַז בֵּיידֶע הַאלְטְן אֵיינִיג

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פָּרָשַׁת וַיְחִי, ח' טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

'שָׁלוֹם' מֵיינְט נִישְׁט אַז בֵּיידֶע הַאלְטְן אֵיינִיג, שָׁלוֹם מֵיינְט צוּ זָאגְן אַז אֲפִילוּ מִיר הַאלְטְן אַנְדֶערְשׁ - דָאךְ הָאבְּן מִיר זִיךְ נִישְׁט פַיינְט, מִיר קֶענֶען רֶעדְן אִינְאֵיינֶעם, מִיר קֶענֶען וַוייטֶער אוֹיפְצִיעֶן דִי קִינְדֶער אִינְאֵיינֶעם.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן פ) שָׁלוֹם אִיז דַוְקָא וֶוען מֶען שְׁטֶעלְט צוּזַאם צְוֵויי פַארְקֶערְטֶע נַאטוּרְן אוּן מֶען לֶעבְּט אִינְאֵיינֶעם, אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט (אִיּוֹב כה, ב): "עוֹשֶׂה שָׁלוֹם בִּמְרוֹמָיו", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט שָׁלוֹם אִין הִימְל צְווִישְׁן דִי מַלְאָכִים. זָאגְט דֶער רֶבִּי: "כִּי זֶה הַמַּלְאָךְ מֵאֵשׁ, וְזֶה מִמַּיִם", וַוייל אֵיין מַלְאָךְ אִיז פֵייעֶר אוּן אֵיין מַלְאָךְ אִיז וַואסֶער, "שֶׁהֵם תְּרֵי הֲפָכִים; כִּי מַיִם מְכַבֶּה אֵשׁ", וָואס דָאס זֶענֶען צְוֵויי פַארְקֶערְטֶע זַאכְן, וַוייל וַואסֶער לֶעשְׁט אוֹיס פֵייעֶר אוּן פֵייעֶר טְרוּקֶנְט אוֹיס וַואסֶער, "וְהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא עוֹשֶׂה שָׁלוֹם בֵּינֵיהֶם וּמְחַבְּרָם יַחַד", אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט שָׁלוֹם צְווִישְׁן זֵיי אוּן עֶר בַּאהֶעפְט זֵיי צוּזַאמֶען; זֶעט מֶען אַז דָאס אִיז דֶער עִיקָּר שָׁלוֹם, מְחַבֵּר צוּ זַיין צְוֵויי פַארְקֶערְטֶע זַאכְן, עַיֵּין שָׁם.

דִי וָואךְ וֶועלְן מִיר אוֹיסְשְׁרֵייעֶן: "חֲזַק חֲזַק!" מִיר גֵייעֶן עֶנְדִיגְן סֵפֶר בְּרֵאשִׁית. אַז דוּ וֶועסְט יֶעדְן טָאג לֶערְנֶען אַבִּיסְל חוּמָשׁ מִיט תַּרְגוּם; זוּנְטָאג בִּיז שֵׁנִי, מָאנְטָאג בִּיז שְׁלִישִׁי - וֶועסְטוּ אָנְקוּמֶען צוּ מְסַיֵּים זַיין אוּן שְׁרֵייעֶן: "חֲזַק!" הוֹיבּ אָן הַיינְט לֶערְנֶען דִי פַּרְשָׁה שְׁנַיִם מִקְרָא וְאֶחָד תַּרְגוּם, וַוארְט נִישְׁט בִּיז סוֹף וָואךְ. קוּק זִיךְ אָן, בִּיז אַהֶער הָאסְטוּ אוֹיךְ גֶעמֵיינְט אַז דוּ וֶועסְט אָנְקוּמֶען צוּ לֶערְנֶען סוֹף וָואךְ, אוּן לְמַעֲשֶׂה גֵייט אַרִיבֶּער אַ וָואךְ נָאךְ אַ וָואךְ אוּן גָארְנִישְׁט; וַוארְף אַוֶועק דַיין שֵׂכֶל אוּן נֶעם אַ חוּמָשׁ, אוּן אוֹיךְ אַ מִשְׁנָיוֹת אוּן אַ גְמָרָא, לֶערְן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, וֶועסְטוּ שְׁפִּירְן אַ זִיסְקֵייט אִין לֶעבְּן.

מָארְגְן נַאכְט וֶועט מֶען זִיךְ צַאמְקוּמֶען אִין אַלֶע שׁוּלְן הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר רֶבִּי נָתָן אוּן זִיךְ מְחַזֵּק זַיין מִיט הַפָּצָה. רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעזָאגְט: "אִיךְ הָאבּ זִיךְ אַסַאךְ מִתְבּוֹנֵן גֶעוֶוען וִוי אַזוֹי מֶען קֶען מַאכְן עֶס זָאל וַוייטֶער גֵיין דֶעם רֶבִּינְ'ס זַאךְ פַאר דִי קוּמֶענְדִיגֶע דוֹרוֹת, בִּיז אִיךְ

הָאבּ גֶעזֶען אַז נָאר דוּרְךְ דְרוּקֶן דִי סְפָרִים אוּן זֵיי פַאְרשְׁפְּרֵייטְן; אַזוֹי וֶועט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי׳ס לִיכְטִיגְקֵייט אַרַיינְגֵיין אִין דִי וֶועלְט״.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**וָואס וֵוייסְטוּ וָואס דוּ קוּמְסְט אָפּ מִיט דִי יְסוּרִים?**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת וַיְחִי, ח׳ טֵבֵת, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, שְׁטַארְק זִיךְ זֵייעֶר מִיט אֱמוּנָה, זַיי מְקַבֵּל אוֹיף זִיךְ אַלֶעס וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט. מִיר וֵוייסְן נִישְׁט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְ׳ס דְּרָכִים; דָאס וָואס דוּ גֵייסְט אַרִיבֶּער, דִי שְׁרֶעקְלִיכֶע פַּיין, דָאס אִיז זִיכֶער אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט דִיךְ לִיבּ אוּן עֶר וִויל דִיר נָאר מַאכְן גוּט, אוּן פַארְוָואס דוּ דַארְפְסְט אַזוֹי לַיידְן? דָאס אִיז פוּן דִי בַּאהַאלְטֶענֶע זַאכְן וָואס מִיר וֵוייסְן נִישְׁט.

זַיי גוּט-מוּטִיג, לָאז זִיךְ נִישְׁט פַאלְן; וָואס וֵוייסְטוּ וָואס דוּ קוּמְסְט אָפּ מִיט דִי יְסוּרִים? דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שׁוֹחֵר טוֹב, צד): ״צֵא וּרְאֵה, אֵי זֶה מֵהֶן מְבִיאָה לְחַיֵּי הָעוֹלָם הַבָּא״, וָואס בְּרֶענְגְט דֶעם מֶענְטְשׁ עֶר זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין אַ בֶּן עוֹלָם הַבָּא? ״הֱוֵי אוֹמֵר, הַיִּסּוּרִין״, לַיידְן יְסוּרִים, ״שֶׁהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מְיַחֵל שְׁמוֹ עַל מִי שֶׁיִּסּוּרִין בָּאִין עָלָיו״, וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אֵיינְצִיגְט אוּן מַאכְט רוּעֶן זַיין נָאמֶען אוֹיף דִי מֶענְטְשְׁן וָואס לַיידְן וֵוייטָאג.

נָאךְ זָאגְן זֵיי (בְּרָכוֹת ה.): ״כֹּל שֶׁהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא חָפֵץ בּוֹ״, וֶועם דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט לִיבּ, ״מְדַכְּאוֹ בְּיִסּוּרִים״, בְּרֶענְגְט עֶר אוֹיף אִים יְסוּרִים, ״וְאִם קִבְּלָם בְּאַהֲבָה״, אוּן אוֹיבּ מֶען נֶעמְט דָאס אָן מִיט לִיבְּשַׁאפְט, ״יִרְאֶה זֶרַע״, וֶועט מֶען זֶען דוֹרוֹת, ״יַאֲרִיךְ יָמִים״, מֶען וֶועט הָאבְּן אֲרִיכוּת יָמִים.

נָאךְ זָאגְן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים (שַׁבָּת פח:): ״עוֹשִׂין מֵאַהֲבָה״, דִי וָואס דִינֶען

דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט לִיבְּשַׁאפְט, "וּשְׂמֵחִים בְּיִסּוּרִין" און זֵיי הָאבְּן נִישְׁט קַיין טַעֲנוֹת אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, זֵיי פְרֵייעֶן זִיךְ מִיט וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט מִיט זֵיי, "עֲלֵיהֶן הַכָּתוּב אוֹמֵר" אוֹיף זֵיי זָאגְט דֶער פָּסוּק (שׁוֹפְטִים ה, לא): "וְאֹהֲבָיו כְּצֵאת הַשֶּׁמֶשׁ בִּגְבֻרָתוֹ", זֵיי זֶענֶען דִי לִיבְּהָאבֶּער פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עַיֵּין שָׁם.

דַיינֶע קִינְדֶער זָארְגְן זֵייעֶר פַאר דִיר, זֵיי בֶּעטְן מִיר אִיךְ זָאל דִיר שְׁרַייבְּן, אִיךְ זָאל דִיךְ מְחַזֵּק זַיין. דוּ הָאסְט טֵייעֶרֶע קִינְדֶער, זֵיי לֶערְנֶען און דַאוֶועֶנֶען און פִירְן זִיךְ מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם. אִיךְ פְּרוּבִיר צוּ מַאכְן פַאר זֵיי שִׁידוּכִים, אִיךְ הָאף צוּ זַיין דֶער גוּטֶער שָׁלִיחַ פוּן הִימְל זֵיי צוּ הֶעלְפְן.

אַז דוּ קֶענְסְט נִישְׁט אַרָאפְּגֵיין פוּן בֶּעט, דוּ קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט בַּאוֶועגְן – זָאלְסְטוּ דָארְט רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעפוּנְט זִיךְ נֶעבְּן דִיר. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שַׁבָּת יב:): "שְׁכִינָה לְמַעְלָה מְרַאֲשׁוֹתָיו שֶׁל חוֹלֶה", דִי שְׁכִינָה רוּט אוֹיפְן קָאפּ פוּנֶעם חוֹלֶה; רֶעד צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין בֶּעט, שְׁמוּעֶס מִיט אִים, און בֶּעט אִים עֶר זָאל דִיר גֶעבְּן כֹּחַ צוּ קֶענֶען בַּיישְׁטֵיין און נִישְׁט הָאבְּן קַיין קֻשְׁיוֹת אוֹיף דִי אֱמוּנָה.

דֶער עִיקָר זָאלְסְטוּ זִיךְ שְׁטַארְקְן, זָאלְסְט וִויסְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט דִיךְ לִיבּ, און דָאס וָואס גֵייט אַרִיבֶּער – דָאס אִיז זַאכְן וָואס מִיר קֶענֶען נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין.

...

## דִי וֶועלְט אִיז דֶער גֵיהִנּוֹם אַלֵיינְס

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ – יוֹם ב' פַּרְשַׁת וַיְחִי, ט' טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

יֶעדֶער אֵיינֶער מוּטְשֶׁעט זִיךְ. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן קיט) עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין מֶענְטְשׁ וָואס זָאל נִישְׁט הָאבְּן קַיין יְסוּרִים, אוֹיךְ דִי גְרוֹיסֶע עֲשִׁירִים זֶענֶען פוּל מִיט יְסוּרִים, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (אִיּוֹב ה, ז): "אָדָם לְעָמָל יוּלָּד", אַ מֶענְטְשׁ אִיז בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן זִיךְ צוּ מוּטְשֶׁען, "קְצַר יָמִים",

דָאס לֶעבְּן פוּן אַ מֶענְטְשׁ אִיז וֶוייניג, "וּשְׂבַע רֹגֶז", אוּן פוּל מִיט וֶוייטָאג, אַזוֹי אוֹיךְ זָאגְט שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ (קֹהֶלֶת ב, כג): "גַּם כָּל יָמָיו", דָאס גַאנְצֶע לֶעבְּן, "כַּעַס וּמַכְאוֹבוֹת", אִיז פוּל מִיט כַּעַס אוּן וֶוייטָאג; עֶס אִיז נִישְׁטָא קֵיין שׁוּם עֵצָה וואוּ צוּ אַנְטְלוֹיפְן, נָאר צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן צוּ דִי תּוֹרָה.

ווארוּיל אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס לֶערְנְט יֶעדְן טָאג אוּן גֵייט אִין שׁוּל דַאוֶוענֶען דְרֵיי מָאל אַ טָאג, דָאס וֶועט בְּלַייבְּן; "נָאר דָאס אִיז יָא אוּן מֶען קֶען עֶס בַּאקוּמֶען". הַיינְט נַאכְט אִיז דִי יָארְצַייט פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, עֶר פְלֶעגְט זָאגְן: "דִי וֶועלְט אִיז נִישְׁט אוּן מֶען קֶען זִי נִישְׁט בַּאקוּמֶען, תּוֹרָה וּתְפִלָּה אִיז יָא אוּן מֶען קֶען אִיר קְרִיגְן". דִי וֶועלְט אִיז נִישְׁט, דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן קיט): "אֶפְשָׁר יֵשׁ גַּם עוֹלָם הַזֶּה גַּם כֵּן בְּאֵיזֶה עוֹלָם", אֶפְשָׁר אִיז דָא אוֹיבְן אִין הִימְל אַ וֶועלְט וָואס הֵייסְט 'עוֹלָם הַזֶּה', "כִּי בְּכָאן נִרְאֶה שֶׁהוּא הַגֵּיהִנּוֹם", דָא אִיז דֶער גֵיהִנוֹם אַלֵיינְס, "כִּי כֻלָּם מְלֵאִים יִסּוּרִים גְּדוֹלִים תָּמִיד", וַוייל יֶעדֶער אִיז פוּל מִיט יִסוּרִים.

הַיינְט נַאכְט וֶועלְן מִיר זִיךְ צַאמְקוּמֶען דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף רֶבִּי נָתָן, מוֹהֲרַ"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ פְלֶעגְט רֶעדְן פוּן רֶבִּי נָתָן אַזוֹי גְרוֹיס אוּן אַזוֹי הוֹיךְ. מוֹהֲרַ"שׁ הָאט גֶעזָאגְט: "דֶער חִידוּשׁ אִיז רֶבִּי נָתָן"; דֶער רֶבִּי, דָאס אִיז אַ זַאךְ וָואס מִיר וֵוייסְן נִישְׁט אוּן פַארְשְׁטֵייעֶן נִישְׁט, לְמַעְלָה מֵהַשָּׂגָתֵנוּ; רֶבִּי נָתָן אִיז דֶער חִידוּשׁ, אוּן נָאר דוּרְךְ אִים וֵוייסְן מִיר פוּן רֶבִּי'ן אוּן מִיר הָאבְּן אוּנְזֶער גוּטֶע לֶעבְּן.

דֶער עִיקָר דַארְפְן מִיר צוּהֶערְן דִי לֶעצְטֶע וֶוערְטֶער וָואס רֶבִּי נָתָן הָאט אוּנְז גֶעזָאגְט אֵיידֶער זַיין הִסְתַּלְּקוּת: "עֶזְרָא הַסּוֹפֵר גֵייט אַוֶועק פוּן דִי וֶועלְט, (עֶזְרָא הַסּוֹפֵר אִיז נִסְתַּלֵּק גֶעוָוארְן עֲשָׂרָה בְּטֵבֵת, רֶבִּי נָתָן הָאט מְרַמֵּז גֶעוֶוען אוֹיף זִיךְ אַז עֶר הָאט גֶעהַאט נִשְׁמַת עֶזְרָא הַסּוֹפֵר) אוּן טְרֵיף פָּסוּל אִיז זִיךְ מִתְגַּבֵּר, אַזוֹיפִיל וִוי עֶס אִיז הַיינְט דָא אֲלָפִים וּרְבָבוֹת טְרֵיף פָּסוּל; נָאר אִיךְ הָאף, אַז אֵיין בְּלֶעטְל פוּן רֶבִּינ'ס סְפָרִים וֶועט זַיין אַ תִּיקוּן אוֹיף אַלְסְדִינְג", אוּן רֶבִּי נָתָן הָאט אוֹיסְגֶעפִירְט: "אִיךְ זָאג אֵייךְ אָן, אַז אַייעֶר עוֹבְדָא זָאל זַיין אִיר זָאלְט דְרוּקְן דִי סְפָרִים, סֶע זָאל זַיין 'יָפוּצוּ מַעְיְנוֹתֶיךָ חוּצָה', אִיר זָאלְט זַיין שְׁטַארְק מִיט 'גֶעלְט' מִיט 'רָצוֹן' אוּן מִיט 'טִירְחָא'".

מָארְגְן פַאסְטְן מִיר, פְרוּיעֶן פַאסְטְן נִישְׁט עֲשָׂרָה בְּטֵבֵת.

דֶער אֵייבֶערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## גֶעעֶפְנְט בֵּית הַמֶּדְרָשׁ הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ אִין לָאנְדָאן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פָּרָשַׁת וַיְחִי, ט׳ טֵבֵת, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד מַיינֶע טַייעֶרֶע חֲבֵרִים, תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ לָאנְדָאן, ה׳ עֲלֵיהֶם יִחְיוּ

בָּרוּךְ שֶׁהֶחֱיָינוּ וְקִיְּמָנוּ וְהִגִּיעָנוּ לַזְּמַן הַזֶּה, עֶס זָאל זִיךְ עֶפֶענֶען אַ שׁוּל הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ אִין לָאנְדָאן; דָאס אִיז זֵייעֶר פְרֵיילִיכֶע נֵייעֶס.

אֵיין זַאךְ קֶען אִיךְ אַייךְ זָאגְן, מַיינֶע טַייעֶרֶע לָאנְדָאנֶער חֲבֵרִים, אוֹיבּ עֶס וֶועט זַיין לִיבְּשַׁאפְט צְווִישְׁן אַייךְ - וֶועט אִיר מַצְלִיחַ זַיין; קֵיינֶער וֶועט עֶנְק נִישְׁט קֶענֶען צֶעבְּרֶעכְן, קֵיינֶער וֶועט עֶנְק נִישְׁט קֶענֶען שְׁלֶעכְטְס טוּן. דִי הַצְלָחָה פוּן אַ שׁוּל אִיז נָאר אוֹיבּ עֶס אִיז דָא אַחְדוּת; אוֹיבּ אַלֶע ווִילְן גָארְנִישְׁט, נָאר אֵיין זַאךְ, הָאבְּן אַ ווִינְקֶל וואוּ מֶען קֶען זִיךְ צַאמְקוּמֶען אוּן דַאוְונֶען אִינְאֵיינֶעם.

בַּיים דַאוְוענֶען זָאלְט אִיר נִישְׁט רֶעדְן. יֶעדֶער זָאל זַיין מַשְׁגִּיחַ אוֹיף זִיךְ אַז מֶען זָאל נִישְׁט רֶעדְן, זָארְגְט נִישְׁט פַאר אַנְדֶערֶע, קוּקְט נִישְׁט אוֹיף אַנְדֶערֶע - וֶועט אִיר זֵייעֶר מַצְלִיחַ זַיין.

גֵייט וַוייטֶער הֲפָצָה, שְׁטֶעלְט אַייךְ נִישְׁט אָפּ פַאר קֵיינֶעם. מֶען הָאט מִיר גֶעשִׁיקְט אַ פַאשְׁקֶעווִיל פוּן אֵיינֶעם וָואס סְטְרַאשֶׁעט דִי מְפִיצִים אִין לָאנְדָאן; אִיךְ בֶּעט אַייךְ זֵייעֶר, מַאכְט אַייךְ נִישְׁט צוּ טוּן, דָאס אִיז נָאר אַ סִימָן אַז מֶען טוּט גוּט, גֵייט אָן מִיט דִי הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט בְּיֶתֶר שְׂאֵת וּבְיֶתֶר עוֹז.

נְקוֹט הַאי כְּלָלָא, וואוּ עֶס אִיז דָא אַ קוֹל דִקְדֻשָּׁה וֶוערְט נִתְעוֹרֵר אַ ווִידֶער קוֹל. גֵייט וַוייטֶער פַארְשְׁפְּרֵייטְן דִי חִיזוּק פוּן רֶבִּי׳ן, אוּן אוֹיבּ אֵיינֶער צֶעֲרַייסְט אוּן אִיז מְבַזֶּה דִי סְפָרִים - זָאלְט אִיר ווִיסְן אַז יֶענֶער אִיז אַ בַּעַל עֲבֵירָה, וַוייל וֶוער עֶס רֶעדְט אוֹיף סְפָרִים וָואס זֶענֶען מְגַלֶּה דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - אִיז אַ בַּעַל עֲבֵירָה, אַנְדֶערְשׁ וָואלְט עֶר נִישְׁט פַארְשֶׁעמְט דִי סְפָרִים.

הַיינְט נַאכְט אִיז דִי יָארְצַייט פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי נָתָן. אַזוֹי הָאט רֶבִּי נָתָן גֶעזָאגְט, דֶער וָואס צֶערַייסְט אוּן פַארְשֶׁעמְט סְפָרִים וָואס זֶענֶען מְגַלֶּה דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - הָאט דָאס נָאר גֶעקֶענְט טוּן וַוייל עֶר הָאט פַאר דֶעם גֶעטוּן זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע עֲבֵירָה אוּן אֵין רְפוּאָה לְמַכָּתוֹ; וַוייל מַה דָאךְ "הַמְּבַזֶּה תַּלְמִיד חָכָם אֵין רְפוּאָה לְמַכָּתוֹ", מַה דָאךְ דֶער וָואס פַארְשֶׁעמְט אַ תַּלְמִיד חָכָם וֶועט וֶוערְן קְרַאנְק אוּן נִישְׁט הָאבְּן קַיין הֵיילוּנְג פַאר זַיין קְרַאנְקֵייט, אִיז דָאךְ זִיכֶער אַז אֵיינֶער פַארְשֶׁעמְט הֵיילִיגֶע סְפָרִים וָואס רֶעדְן נָאר פוּן אֱמוּנָה, פוּן קְדוּשָּׁה - אִיז דָאךְ זִיכֶער אַז עֶר וֶועט כַאפְּן אַ בִּיס פוּן אַ שְׁלַאנְג אוּן נִישְׁט הָאבְּן קַיין רְפוּאָה.

דֶער עִיקָר זָאל זַיין דֶרֶךְ אֶרֶץ. מוֹהֲרָא"ש הָאט דֶערְצֵיילְט, וֶוען עֶר אִיז מְקוּרָב גֶעוָוארְן אִיז גֶעוֶוען אִין אַמֶערִיקֶע אֵיין קִיבּוּץ פוּן צֶען אִידְן, עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ שְׁטַארְקֶע דֶרֶךְ אֶרֶץ צְוִוישְׁן זֵיי, מֶען הָאט גֶעשְׁפִּירְט דֶעם רֶבִּי'ן, אַלֶע הָאבְּן גֶערֶעדְט מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**גֶעב יֶעדְן אֵיינֶעם מַזָּל טוֹב, אוּן זַיי נִישְׁט אַרַיינְגֶעמִישְׁט אִין מַחֲלֹקֶת**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת וַיְחִי, ט' טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דֶעם בְּרִיוו.

אַז מֶען הָאט עֶנְק אַיינְגֶעלַיידְנְט צוּ דִי חֲתוּנָה - זָאלְן עֶנְק גֵיין; וָואס הָאסְטוּ צוּ קוּקְן אוֹיף אַ צְוֵוייטְן? וָואס הָאט עֶס מִיט דִיר אַז מֶען הָאט נִישְׁט אַיינְגֶעלַיידְנְט אַנְדֶערֶע פוּן דִי מִשְׁפָּחָה? וָואס דַארְפְסְטוּ זַיין אַרַיינְגֶעמִישְׁט אִין מַחֲלֹקֶת? דוּ גֵיי מִיט דַיין וַוייבּ אוּן גֶעב יֶעדְן אֵיינֶעם שָׁלוֹם, גֶעבּ יֶעדְן אֵיינֶעם מַזָּל טוֹב, אוּן זַיי נִישְׁט אַרַיינְגֶעמִישְׁט אִין מַחֲלֹקֶת.

אַנְטְלוֹיף פוּן מַחֲלֹקֶת, הָאבּ נִישְׁט מִיט קַיין מַחֲלֹקֶת. בֶּעט דֶעם

אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶס זָאל דִיר וֵויי טוּן מַחֲלֹקֶת אוּן חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט זִיךְ פְרֵייעֶן אוּן הַנָאָה הָאבְּן צוּ הֶערְן מַחֲלֹקֶת.

הַיינְט נַאכְט אִיז דֶער יָארְצַייט פוּן אוּנְזֶער רֶבִּי - רֶבִּי נָתָן זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, עֶר פְלֶעגְט זָאגְן: "וֶוען אִיךְ זֶע צְוֵויי אִידְן קְרִיגְן זִיךְ - שְׁפִּיר אִיךְ וִוי עֶס שְׁטֶעכְט מִיר אִין דִי זַייט"; אַז מֶען הֶערְט וִוי מֶען קְרִיגְט זִיךְ בַּיי אִידִישֶׁע קִינְדֶער, קְהִלּוֹת צֶעטֵיילְן זִיךְ - דַארְף מֶען וֵויינֶען, אוּן אַז מֶען וֵויינְט נִישְׁט דַארְף מֶען וֵויינֶען אוֹיף דֶעם אַלֵיינְס אַז מֶען אִיז אַזוֹי פַארְגְרֶעבְּט; מֶען פְרֵיידְט זִיךְ, מֶען הָאט הַנָאָה צוּ הֶערְן דִי סָארְט זַאכְן.

קֶענְסְט וַוייזְן דֶעם בְּרִיוו פַאר דַיין שְׁוֶוער אוּן שְׁוִויגֶער.

...

רֶבִּי נָתָן הָאט מֶען אַמָאל גֶעזֶען זֵייעֶר לֶעבֶּעדִיג טַאנְצְן בַּיי אַ חֲתוּנָה, הָאט עֶר גֶעזָאגְט: "אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעטַאנְצְן לְכָבוֹד הַחֲתוּנָה, אִיךְ הָאבּ גֶעטַאנְצְן בָּרוּךְ אֱלֹקֵינוּ שֶׁבְּרָאָנוּ לִכְבוֹדוֹ, אַז מִיר זֶענֶען מְקוּרָב צוּם רֶבִּי'ן; אִין שְׁטוּבּ אִיז שְׁוֶוער צוּ טַאנְצְן אַזוֹי לֶעבֶּעדִיג, בַּיי אַ אַ חֲתוּנָה אִיז גְרִינְגֶער".

אַזוֹי אוֹיךְ הָאט מֶען אִים גֶעזֶען זֵייעֶר שְׁטַארְק וֵויינֶען בַּיי אַ לְוַיָ', הָאט עֶר גֶעזָאגְט: "אִיךְ הָאבּ גֶעוֵויינְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף מַיינֶע זַאכְן, אִיךְ הָאבּ גֶעוֵויינְט מִיט מַיינֶע תְּפִלּוֹת, גָארְנִישְׁט מִיט דִי לְוַיָ; נָאר בַּיי אַ לְוַיָ' אִיז אַ גוּטֶע צַייט וֶוען מֶען קֶען וֵויינֶען".

...

גוּטֶע גְרוּסְן פוּן חַבּוּרַת הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ אִין בְּנֵי בְּרַק

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת וַיְחִי, ט' טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד מַיינֶע טֵייעֶרֶע חֲבֵרִים, תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ בְּנֵי בְּרַק, ה' עֲלֵיהֶם יִחְיוּ

אִיךְ בַּאקוּם כְּסֵדֶר זֵייעֶר גוּטֶע גְרוּסְן פוּן עֶנְקֶער חַבּוּרָה; וֶוער עֶס פַאלְט אַרַיין בַּיי עֶנְק אִין שׁוּל אוֹיף אַ תְּפִלָּה - וֶוערְט זֵייעֶר אִיבֶּערְגֶענוּמֶען פוּן דִי אַחְדוּת אוּן וַוארֶעמְקֵייט וָואס הֶערְשְׁט צְווִישְׁן אַייךְ, וּבְעִקָּר פוּן דִי תְּמִימוּת. עֶס אִיז נִישְׁטָא בַּיי עֶנְק קַיין לֵיצָנוּת, דִי גוּטֶע גְרוּסְן גֶעבְּט מִיר כֹּחַ אָנְצוּגֵיין.

אויך דֶערְצֵיילְט מֶען מִיר אַז מֶען גֶעבְּט אַכְטוּנְג אויף דִי קִינְדֶער; מֶען דַאוֶוענְט מִיט זֵיי, מֶען זִינְגְט מִיט זֵיי, מֶען דֶערְצֵיילְט זֵיי תְּפִלָּה מַעֲשִׂיּוֹת און מַעֲשִׂיּוֹת פון צַדִּיקִים. בַּיים רֶבִּי'ן אִיז דָאס גֶעוֶוען אַ וִוּיכְטִיגֶע זַאךְ, דֶער רֶבִּי הָאט גֶעוָואלְט מִיר זָאלְן רֶעדְן צוּ דִי קִינְדֶער, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן רט): "אַייעֶרֶע קִינְדֶער זָאלְט אִיר מוֹדִיעַ זַיין וָואס דָא הָאט זִיךְ גֶעטוּן", און רֶבִּי נָתָן זָאגְט (שָׁם): "וְאָמַר בְּרֶתֶת וְזִיעַ בְּהִתְלַהֲבוּת נוֹרָא", דֶער רֶבִּי הָאט דָאס גֶעזָאגְט מִיט אַ מוֹרָא'דִיגֶער פְּלַאם און מִיט אַ פְּלַאקֶער; אַז מִיר זָאלְן צוּאוִוירְסְן טוּן פַאר אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער אַז עֶס אִיז דָא אַ רֶבִּי אויף דִי וֶועלְט וָואס פַארְשְׁטֵייט יֶעדְן אִיד, און וֶוער עֶס פָאלְגְט זַיינֶע עֵצוֹת קֶען זוֹכֶה זַיין צוּ וֶוערְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק און אַ גְרוֹיסֶער בַּעַל מַדְרֵיגָה. אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן שנח): "מִיט יֶעדֶע שְׁמוּעֶס וָואס אִיךְ שְׁמוּעֶס מִיט עֶנְק, קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אֲפִילוּ אַ צַדִּיק גָּמוּר אַ גַאנְץ לֶעבְּן, און אַן עֶרְלִיכֶער אִיד אַזוֹי וִוי אִיךְ מֵיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד".

יֶעצְט הָאבּ אִיךְ בַּאקוּמֶען דִי גוּטֶע נַייעֶס אַז אִיר הָאט זִיךְ אַרִיבֶּערְגֶעצוֹיגְן אִין אַ נַייעֶם בֵּית הַמִּדְרָשׁ אויף רְחוֹב יְרוּשָׁלַיִם, וִויל אִיךְ עֶנְק וִוינְטְשְׁן: "שֶׁתִּשְׁרֶה שְׁכִינָה בְּמַעֲשֵׂה יְדֵיכֶם, און אַלֶע פון עֶנְק זָאלְן הָאבְּן דִי גֶעפִיל צוּ עוֹסֵק זַיין אִין צוּרִיקְבְּרֶענְגֶען אִידִישֶׁע קִינְדֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן".

מִיר דַארְפְן זֵייעֶר אַרְבֶּעטְן אַרָאפְּצוּנֶעמֶען דִי שְׁלֶעכְטֶע נָאמֶען וָואס מֶען הָאט אַרוֹיפְגֶעקְלֶעבְּט אוֹיפְן רֶבִּי'ן, אויף חֲסִידוּת בְּרֶסְלֶב. מִיר לַיידְן פון דִי מְשׁוּגַעַת פון נַ נַח, דָאס מַאכְט אַ פַּחַד אויף עֶלְטֶערְן; מֶען צִיטֶערְט אַז דִי קִינְדֶער וֶועלְן מְשׁוּגָע וֶוערְן, אַזוֹי אויךְ אַנְדֶערֶע כִּתּוֹת וָואס פִירְן זִיךְ אויף ווִילְד וְכוּ' וְכוּ'. מוֹהֲרַנַ"שׁ הָאט יָארְן גֶעאַרְבֶּעט שֵׁיין צוּ מַאכְן דֶעם רֶבִּינְ'ס נָאמֶען און מִיר דַארְפְן מַמְשִׁיךְ זַיין מִיט דֶעם.

גֵייט הֲפָצָה, גֵייט פַארְשְׁפְּרֵייטְן דִי נֵייעֶ קוּנְטְרֵסִים און גִּלְיוֹנוֹת וָואס אִיז גֶענוּמֶען פון אֲשֶׁר בַּנַּחַל און פון דִי קוּנְטְרֵסִים וָואס מוֹהֲרָנַ"שׁ הָאט גֶעשְׁרִיבְּן און גֶענוּמֶען פון לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן און לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת; חִיזּוּק אויף לְמַעֲשֶׂה, חִיזּוּק און עֵצוֹת וִוי אַזוֹי צוּ קֶענֶען זַיין דָּבוּק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, חִיזּוּק און עֵצוֹת וִוי אַזוֹי צוּ לֶעבְּן מִיט אַ ווַייבּ, מִיט קִינְדֶער און אִין דִי זֶעלְבֶּע צַייט

לֶעבְּן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן. וֶוערְט נִישְׁט צֶעפַאלְן וֶוען מֶען שְׁפֶּעט און מֶען צֶערַייסְט דִי סְפָרִים, אַזוֹי גֵייט עֶס; וֶוען עֶס אִיז דָא אַ קוֹל דִקְדֻשָּׁה אִיז דָא אַ קוֹל הֲבָרָה, און זַייט מִתְפַּלֵל מֶען זָאל עֶפֶענֶען מוֹסְדוֹת הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ אִין בְּנֵי בְּרַק.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**זִיךְ הַאלְטְן שְׁטַארְק, אִין דִי צַייט וָואס אַנְדֶערֶע פַאלְן**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פָּרָשַׁת וַיְחִי, עֲשָׂרָה בְּטֵבֵת, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ וִויל דִיר נָאכְאַמָאל בֶּעטְן זָאלְסְט זִיךְ מִיטְכַאפְּן מִיטְן לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג דֶעם בְּלַאט גְמָרָא, לֶערְנֶען גְמָרָא אִיז מְטַהֵר און מְתַקֵן דֶעם מֶענְטְשׁ. מוֹהֲרָא״שׁ דֶערְצֵיילְט פוּן הָרַב הַקָדוֹשׁ רֶבִּי בֶּנְצִיוֹן פוּן בָּאבּוּב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, עֶר פְלֶעגְט זָאגְן פַאר זַיינֶע תַּלְמִידִים: "אוֹיבּ וֶועל אִיךְ עֶנְק זָאגְן צוּ פַאסְטְן און מַאכְן סִיגוּפִים, עֲבוֹדוֹת קָשׁוֹת - וָואלְט אִיר מִיר גֶעגְלֵייבְּט אַז דָאס אִיז מְתַקֵן דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן אַלֶע חֲטָאִים, און אַז אִיךְ זָאג עֶנְק אִיר זָאלְט לֶערְנֶען אַ בְּלַאט גְמָרָא - דָאס גְלֵייבְּט אִיר נִישְׁט אַז דָאס אִיז מְתַקֵן דֶעם מֶענְטְשׁ, עֶס זֶעט אוֹיס צוּ פָּשׁוּט"; עֶר הָאט זֵיי גֶעזָאגְט אַז דָאס אִיז נָאךְ מֶער מְתַקֵן פוּן אַלֶע סִיגוּפִים.

קוּק נִישְׁט אוֹיף אַנְדֶערֶע, קוּק וָואס שְׁטֵייט אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ. אִיךְ הָאבּ הַיינְט גֶעהַאט אַ שְׁרֶעק פוּן אַ מַעֲשֶׂה, אִיךְ פְרֶעג אַ בָּחוּר וִוי אַזוֹי עֶר פַאסְט, זָאגְט עֶר מִיר: "אִיךְ הָאבּ הַיינְט גֶעגֶעסְן אַ פֵיינֶעם פְרִישְׁטָאג"; אִיךְ פְרֶעג אִים: "וָואס גֵייט פָאר מִיט דִיר? דוּ בִּיסְט דָאךְ אַן עֶרְלִיכֶער אִיד!" פְרֶעגְט עֶר מִיר: "וָואס, מֶען דַארְף פַאסְטְן? עֶס אִיז אַן עֶכְטֶע תַּעֲנִית?! אִיךְ זֶע אַזוֹיפִיל מֶענְטְשְׁן בַּיים אַרְבֶּעט וָואס עֶסְן!"

אִיךְ הָאבּ זִיךְ זֵייעֶר דֶערְשְׁרָאקְן צוּ זֶען וָואס פַּאסִירְט אַז מֶען דְרֵייְדְט זִיךְ מִיט גֶעפַאלֶענֶע מֶענְטְשְׁן, מֶען פַאלְט אַלֵיינְס אַרָאפּ; דֶערִיבֶּער בֶּעט אִיךְ דִיר

זֵייעֶר, קוּק נִישְׁט אוֹיף אַנְדֶערֶע, פִּיר זִיךְ מִיט דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, וָואס שְׁטֵייט אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ, אוּן אַז דוּ זֶועסְט בַּיי דַיין אַרְבֶּעט מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען נִישְׁט מְקַיֵים דִי תּוֹרָה - זָאלְסְטוּ בְּלַייבְּן שְׁטַארְק אוּן נִישְׁט פַאלְן פַּאר זֵיי.

דִי וָואךְ עֶנְדִיגְן מִיר דִי עֶרְשְׁטֶע סֵפֶר פוּן חֲמִשָּׁה חוּמְשֵׁי תּוֹרָה, מִיר הָאבְּן קוּים אָנְגֶעהוֹיבְּן פַּרְשַׁת בְּרֵאשִׁית אוּן מִיר הַאלְטְן שׁוֹין פַּרְשַׁת וַיְחִי. וואוּיל אִיז דֶעם וָואס לֶערְנְט יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל חוּמָשׁ מִיטְ'ן תַּרְגוּם, אַזוֹי אִיז עֶר פַארְזִיכֶערְט צוּ לֶערְנֶען יֶעדֶע וָואךְ דִי פַּרְשָׁה שְׁנַיִם מִקְרָא וְאֶחָד תַּרְגוּם, אוּן עֶר וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ אֲרִיכַת יָמִים אוּן פַּרְנָסָה בְּשֶׁפַע.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### אִיךְ לָאז נִישְׁט בָּארְגְן גֶעלְט, אִיךְ הָאבּ שׁוֹין גֶענוּג חוֹבוֹת

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת וַיְחִי, עֲשָׂרָה בְּטֵבֵת, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי

אִיךְ לָאז נִישְׁט בָּארְגְן גֶעלְט; עֶנְדֶערְשׁ זָאל מֶען נִישְׁט צָאלְן אִין צַייט דִי אַיינְגֶעשְׁטֶעלְטֶע, אָבֶּער נִישְׁט בָּארְגְן גֶעלְט; אִיךְ הָאבּ שׁוֹין גֶענוּג חוֹבוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט מִיךְ נִישְׁט פַארְלָאזְן; מִיר הָאבְּן גֶעהַאט נִיסִים בִּיז אַהֶער, מִיר וֶועלְן וַוייטֶער הָאבְּן נִיסִים.

...

### זַיין שׁוּלְדִיג חוֹבוֹת אִיז עֶרְגֶער פוּן נִישְׁט צָאלְן צַייטְלִיךְ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת וַיְחִי, עֲשָׂרָה בְּטֵבֵת, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, חֲבֵר הַנְהָלָה קִרְיַת בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי

אִיךְ ווִיל דִיר בֶּעטְן, הֱיוֹת דוּ הֶעלְפְסְט מִיר מִיט דִי מוֹסָד, דוּ הָאסְט זִיכֶער גֶעמַאכְט מֶען זָאל צָאלְן אִין צַייט דִי מְלַמְדִים אוּן דִי אַיינְגֶעשְׁטֶעלְטֶע פַּאר דִי לֶעצְטֶע שְׁטִיק צַייט. יֶעצְט הֶער אִיךְ אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין גֶעלְט אוּן דוּ ווִילְסְט בָּארְגְן גֶעלְט כְּדֵי מֶען זָאל וַוייטֶער צָאלְן צַייטְלִיךְ, אִיךְ בֶּעט דִיר

בְּרַחֲמִים – טוּ דָאס נִישְׁט; אִיךְ בִּין נִישְׁט מַסְכִּים מֶען זָאל בָּארְגְן גֶעלְט, נִישְׁט צָאלְן צַייטְלִיךְ אִיז אֵיין זַאךְ, אוּן זַיין שׁוּלְדִיג חוֹבוֹת אִיז נָאךְ עֶרְגֶער.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר פָּאלְג מִיךְ, עֶנְדֶערְשׁ זָאל מֶען נִישְׁט צָאלְן צַייטְלִיךְ אוּן וַוארְטְן דִי גֶעלְט וָואס דַארְף אַרַיינְקוּמֶען זָאל אַרַיינְקוּמֶען. אִיךְ הָאבּ אָפְּגֶערֶעדְט מִיט אַ אִינְגֶערְמַאן צוּ גֵיין מִיט אִים נָאךְ גֶעלְט פַאר דִי מוֹסָד, אִיךְ הָאף צוּ קֶענֶען אָנְפִילְן דִי לָאךְ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעמַאכְט נִיסִים בִּיז אַהֶער אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אוּנְז וַוייטֶער נִישְׁט פַארְלָאזְן.

...

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

## פְּאֵר קִינְדֶער

## עֲבֵירוֹת אִיז דִי שְׁרֶעקֶעדִיגְסְטֶע זַאךְ

וָואס אִיז דִי שְׁרֶעקֶעדִיגְסְטֶע זַאךְ? אַ שְׁלַאנְג? אַ לֵייבּ? אַ בֶּער? וֶוער וֵוייסְט?

מִיט יָארְן צוּרִיק, אִין דִי צַייטְן פוּנֶעם צַדִיק רֶבִּי חֲנִינָא בֶּן דוֹסָא – אִיז גֶעוֶוען אַ שְׁרֶעקֶעדִיגֶע חַיָ׳, אַזוֹי וִוי אַ שְׁלַאנְג אוּן אַ פְּרָאשׁ, אוּן מֶענְטְשְׁן הָאבְּן זֵייעֶר מוֹרָא גֶעהַאט צוּ גֵיין אִין גַאס וַוייל דִי חַיָ׳ פְלֶעגְט בַּייסְן.

וָואס טוּט מֶען וֶוען מֶען הָאט אַ צָרָה? מֶען גֵייט זוּכְן אַ צַדִיק עֶר זָאל גֶעבְּן אַ בְּרָכָה, אַזוֹי הָאט מֶען גֶעטוּן. מֶען אִיז גֶעגַאנְגֶען צוּם הֵיילִיגְן צַדִיק רֶבִּי חֲנִינָא בֶּן דוֹסָא, מֶען הָאט צוּ אִים גֶעוֵויינְט: "רֶבִּי, הֶעלְפְט אוּנְז, מִיר צִיטֶערְן צוּ גֵיין אִין גַאס"

דֶער הֵיילִיגֶער צַדִיק בֶּעט מֶען זָאל אִים וַוייזְן דִי נֶעסְט פוּן דִי חַיָ׳, עֶר גֵייט אַהִין אוּן שְׁטֶעקְט אַרַיין זַיין פִּיס אִין דִי לָאךְ פוּן דִי נֶעסְט. דִי חַיָ׳ שְׁמֶעקְט אַז אֵיינֶער אִיז דָא, עֶר קוּמְט אַרוֹיס, עֶר קְרִיכְט אַרוֹיס – אוּן גֶעבְּט נָאר אַ קְלֵיינֶע בַּייס דֶעם צַדִיקְ׳ס פִּיס אוּן דִי חַיָ׳ אִיז גְלַייךְ גֶעשְׁטָארְבְּן.



רֶבִּי חֲנִינָא בֶּן דוֹסָא מִיט דִי טוֹיטֶע חַיָ׳

דֶער צַדִיק הֵייבְּט אוֹיף דִי חַיָ׳ אוּן וַוייזְט פַאר אַלֶע קִינְדֶער אוּן זָאגְט:

״קִינְדֶער אִיר זֶעט? אַ חַיָ׳ קֶען גָארְנִישְׁט טוּן, אַ שְׁלַאנְג אִיז נִישְׁט שְׁרֶעקֶעדִיג, עֲבֵירוֹת אִיז שְׁרֶעקֶעדִיג! אוֹיבּ מֶען טוּט עֲבֵירוֹת אוּן מֶען טוּט נִישְׁט תְּשׁוּבָה – דֶעמָאלְט קֶען אַ חַיָ׳ בַּייסְן, אָבֶּער אוֹיבּ מֶען טוּט נִישְׁט קַיין עֲבֵירוֹת, אוּן אַז מֶען הָאט חַס וְשָׁלוֹם גֶעטוּן אַן עֲבֵירָה טוּט מֶען גְלַייךְ תְּשׁוּבָה, מֶען בֶּעט אִיבֶּער דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען זָאגְט: ׳הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, זַיי

מִיר מוֹחֵל, אִיךְ גֵיי שׁוֹין זַיין וואוּיל׳; דֶעמָאלְט דַארְף מֶען נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן פוּן גָארְנִישְׁט, נִישְׁט פוּן שְׁלֶענְג אוּן נִישְׁט פוּן בֶּערְן, קֵיינֶער קֶען נִישְׁט שְׁלֶעכְטְס טוּן דֶעם מֶענְטְשׁ״.

קִינְדֶער, וֶוער וֵוייסְט וָואס אִיז דִי שְׁרֶעקֶעדִיגְסְטֶע זַאךְ? אַלֶע קִינְדֶער שְׁרֵייעֶן הוֹיךְ: ״טוּן עֲבֵירוֹת, אוּן נִישְׁט תְּשׁוּבָה טוּן!״